IVI
A-23929

גערץ

# מוסרניקעס

## טיפן און געשטאלטן

M. GERCA • MORALISTI

RĪGĀ IZDEVNIECĪBA „SKOLA" 1936

מ. גערץ

Juudi usu Koguduse Walitsus * Tartus *
הנהגת עדת ישראל

# מוסרניקעס

## טיפן און געשטאלטן

ריגע, פארלאג „סקאלא“, 1936

Copyright by
M. GERZ, Riga

אלע רעכט באהאלט
דער מחבר פאר זיך.

*מיין ליבן פריינד און חבר*

*דר. דוד טומארקין—געווידמעט.*

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

---

● מוסרניקעס ווילן האבן, אז זייער שיטה שטאמט פון ווילנער גאון (1720—1797), וועלכער האט עס איבערגעגעבן זיין תלמיד ר' חיים וואלאזשינער (1749—1821), ר' חיים וואלאזשינער—צו זיין תלמיד ר' יוסף זונדל פון סאלאנט (1786 — 1866), ר' יוסף זונדל פון סאלאנט — צו ר' ישראל סאלאנטער (1810 — 1883).

ר' ישראל סאלאנטער האט געהאט דריי תלמידים: ר' שמחה זיסל (1829—1898), ר' איצעלע בלאזער, אדער — פעטערבורגער (1840—1906) און ר' נפתלי אמסטערדארער (1835).

ר' שמחה זיסלס תלמיד מובהק איז געווען ר' נאטע הירש פינקעל, ארער: דער אלטער פון סלאבאדקע; ר' איצעלע פעטערבורגערס תלמיד — ר' יוסף יויזל הורוויץ, אדער: דער אלטער פון נאווארעדאק.

אזוי ווי חסידות האט זיך נאכן בעש"ט פאנאנדגעצווייגט אין גאליציאנער — אוקראינער פשטות און תמימות מיט דער באזונדערער ריכטונג פון ר' נחמן בראסלאווער פון דביקות און התלהבות; אין ליטע און רייסן — אין חב"ד; אין פוילן — אין רבייעשאפט און צדיקים מיט דער זייטיקער ריכטונג פון קאצקער פרישות, אזוי איז אויך מוסר אוועק אין פארשיידענע ריכטונגען:

אין ר' שמחה זיסלס „רוממות האדם", אין ר' איצעלע פעטערבורגערס «כפירת האדם», אין ר' יוסף לייבס טעלזערס (1860—1930) מיסטישן דעת און טיילווייז אין חפץ-חיימס (1838 — 1933) פשטות און תמימות.

וועגן חסידות האט מען א סך געשריבן, וועגן מוסר — גארניט. האט טאקע חסידות באפרוכפערט אונזער מאדערנע אידישע קולטור, און מוסר איז געבליבן פרוכטלאז. אף דעם המאור שבה, אף דער ש יי נ ק יי ט פון מוסר, פרואוו איך אין מיין דאזיקן ביכל אנדייטן.

# צווי וועלטן.

שטייענדיק אף דעם הויכן אלעקסאָטער באַרג, זעט איר. ווי צווי וועלטן האָבן זיך דאָ פאַרמאָסטן, און איינע קעגן דער אנדערער זיך געשטעלט אין א צוויי־קאַמף.

פון איין זייט קאָוונע מיט אירע אייביקע וועלדער, הויכע בערג, פאַרחלומטע הינגלען, באַקראַנצטע טאָלן. צופוסנס רוט דאָ דער מעכטיקער טייך ניעמאַן, פעסט נעאָרעמט און באַהעפט אף תמיד מיט דער שטילער ווילִיע. אלץ אַרום אַכפּערט דעם גליק־לעכן זיווג און רופט צו פרייד, צו לעבן.

און האַרט לעבן דעם, פון דער אַנדער זייט, ציט זיך א לאַנגע שווינדזיכטיקע פלאַטע. אף איר אויבערפלאַך פּויזשענען ווי ווערים נעדרייטע, שמאָלע געסלעך מיט חרובע נידעריק־געהויי־קערטע הייזלעך.

און שטיל איז דאָ אף דער סלאַבאָדקער פלאַטע.

די מאַנסבילן — קאָנזשאָרטניקעס, פליטן־טרייבער, שווימען אוועק אף לאַנגע חדשים אין די מרחקים, כדי צו פאַרדינען מאָגערן ברויט. די ווייבער העלפן ציען די ביטערע חיונה, און נאָגן אוים זייערע טעג און יאָרן בא דער נאָדל און שפינדל. קינדער וואקסן דאָ שיטער. פון זייער פריסטער יונגנט פרעסט זיי די פלאַטע מיטן פולן מויל.

פון צייט צו צייט ווערט דאָ געשטערט די חושכדיקע שטיל־
קייט אף די איינגע געסלעך.

אין טעג פון אָנהויב זומער און ווינטער שלייבן אהער
שאָטנס — אויסגעווייקטע אינגלשע גופים. דאָס האָבן אידישע מאַ־
טעס אָפגעריסן פון שוים זייערע קדישים און זיי דאָ איבערגעגעבן
לערנען תורה.

איילן זיי אהער, אידישע קינדער, פון יענער זייט בריק
איבער דער „מתים״־ און „בית־עולם״־געסלעך צו סלאָפּאָדקער
ישיבה.

זיי ווען דאָ שוין תמיד בלייבן.

וויל געזאָגט האָט „דער אלטער״:

— דעם בריק צווישן קאָוונע און סלאָבאָדקע האָט מען
געבויט, כדי מען זאָל גיין פון קאָוונע קיין סלאָבאָדקע, אָבער
נים צוריק...

# דער אַלטער פון סלאַבאָדקע.

אין דער שטעטל סלאַבאָדקע האָט אים קיינער ניט געקענט. אפילו די ישיבה-לייט האָבן ווייניק וועגן אים געוואוסט. ער איז געווען אָפגעשיידט פון זיינע משפחה-מענטשן און געלעבט אין א באַזונדער חדר.

ער האָט קיינעמס אויפמערקזאַמקייט אָף זיך ניט געצויגן.

א פשוטער איד, איינפאַך אָנגעטאָן — אין א שוואַרצער ריפּסענער היטל און א לייגערן אויבער-בגד — מעשה זאַמעטער קרעמער. זיין הילוך איז אויך געווען ווי א איד פון א גאַנץ יאָר. אָפּטמאָל פאַרקאַטשעט דעם ראָק, די הענט פאַרוקט אין די הויזן-קעשענעס—אַזוי זיך, לייכט, מעשה פראָסטאַק.

נאָר א באַזונדערש שאַרפע אויג האָט געקענט באַמערקן, אַז זיין וואָכעדיקער בערדל איז נאָר א קליינער וואָרצעלע פון לאַנגען נאָרלשפּיציקן באָרד, וואָס איז בא אים מיף פאַרקאַשערט און אַראָנגעלאָזן אין קעלנערל פון אונטערהעמד.

דריי מאָל א טאָג האָט מען אים געזען באַם ראַחנען אין פאָליש פון דער ישיבה. אָפּגעדאַוונט, זיך א דריי געטאָן, אַמאָל מיט איטיצן א שמועס געכאַפּט — און ניטאָ מער.

ער פלעגט נעלם ווערן. אָף גיך. גיין איבערן גאַס שאַרנריק זיך אָן א זייט.

ער איז מיט אַלעמען אין ישיבה געווען פרעמד, נאָר עט-

לעכע געציילטע בחורים פלעגן אָפּט אים באַזוכן, פאַרברייינגען דאָרטן שטיקער צייט און משמעות געווען מיט אים נאָענט.

מען האָט איר גערופן אין ישיבה „דער אַלטער", (זיין אמתער נאָמען איז געווען נאָטע הירש פינקעל) הגם אף זיין יונג־בחורשן פּנים האָט מען קיין זקנה כלל ניט געמערקט. ער איז געווען פריש, ווי ער וואָלט געהאלטן נאָך אין וואקסן, די אויגן קלאָר, אויסגעוואשן. פון די זאַפטיקע ליפּן האָט שטענ־דיק געטריפט אַ שמייכל.

ער איז געווען אינדערשטיל דער פירער פון סלאָבאָדקער און איבעריקע זאמעטער ישיבות. ער איז געווען דער טאַטע פון מוסר.

* * *

ער האָט געזאָגט: „הצנע לכת". טראָג די גאַנצע וועלט בא זיך אין הארצן, אָבער די וועלט דאַרף דערפון ניט וויסן. טו גאָר גוטס, ווייל אף דעם ביזטו באַשאַפן געוואָרן. טאָ ווער דאַרף ד'ערפון וויסן?

ער האָט אַזוי גערדרשנט:

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט (חביב הוא האדם שנברא בצלם אלקים). אז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן — דערציילן חז"ל — האָבן די מלאכים אים אָנגענומען פאַר אַ גאָט און געוואָלט פאַר אים שירה זאָגן, — דער מקור פון מענטשן איז גאָט, און גאָט איז שוין געווען דער האַר פון דער וועלט, איידער די וועלט איז נאָך באַשאַפן געוואָרן (אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא), און פונדעסטוועגן האָט גאָט די וועלט באַשאַפן.

צוליב וואָס האָט גאָט דאָס באַדאַרפט?

צוליב זיין גרויס ליבשאַפט. כדי דעם מענטשן מזכה צו

זיין מיט אַ גרויסער שיינער וועלט. איז ליבע אַ מענטשלעכע מידה, אַזוי ווי גאָט איז פול מיט רחמים. איז אויך דער מענטש פול מיט גוטס. איז אויב דער מענטש טוט חסר, טוט ער עס צוליב זיך, ווייל אַזוי איז זיין טבע. אַנדערש קען ער ניט. ער איז אָנגעלאָדן מיט גוטס. איידער ער האָט עס נאָך וואו צו פאַר־ווענדן, טוט ער דאָס, הייסט עס, צוליב זיך. ווייל ער איז פול מיט ליבע און זוכט עס וואו אויסצוגעבן. צוליב זיין הנאה וועגן, טאָ צו וואָס דאַרף דער צווייטער וויסן פון דעם?

האָט דער אַלטער אַ יובל יאָרן אָנגעפירט מיט ישיבות. פונדעסטוועגן האָט ער קיינמאָל ניט אונטערגעחתמעט אַ פּאַפּיר, אַ בריוו, אַ דאָקומענט, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ישיבה.

אפילו זיין איינציקן ספר „עץ פרי" האָט ער אַרויסגעלאָזן (תרמ"א) אָן זיין נאָמען.

ער האָט מער קיין ספרים ניט מחבר געווען, ווייל ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען דאַרף ניט מאַכן קיין ספרים, מען דאַרף מאַכן מענטשן.

— מיין לעבן איז מיין ספר — פלעגט ער זאָגן.

„רוממות האדם" — דער מענטש איז גרויס. דער מענטש איז גוט, אָבער דער מענטש טאָר קיין איין רגע ניט אויפהערן צו שטרעבן צו העכער, צו גרעסער, צו שענער.

— דער לעבן איז אַ לייטער — אָדער אַרויף אָדער אַראָפּ. אַף איין אָרט שטייט מען ניט. אויב ניט אַרויף, איז אַראָפּ, איז דאָך בעסער אַרויף!

האָט ער געדרשנט:

— איז ווייבאַלד אַ מענטש איז בטבע דערהויבן, טאָ צו וואָס האָט די תורה אונז געדאַרפט אָנזאָגן, אַז מיר זאָלן טאָן גוטס, דאָס איז דאָך אַ פאַרשטענדלעכקייט, אַ ריין מענטשלעכע

מידה, והראיה, אפילו נים פרומע מוען דאָך אויך גוטס און חסד?

איז א סימן, אז עס רעדט זיך וועגן אזא ליבע צום מענטשן, וואָס אָן דער תורה וואָלטן מיר עס נים פארשטאַנען. למשל, איטיצער א גביר, גיט אן אָרעמאן א שיינע נדבה, דער אָרעמאן איז שטארק צופרידן פון דער מתנה, און פונדעסטוועגן האָט דער נעבעך כלל נים יוצא געווען מיט זיין נרבה. ווייל דער אָרעמאַן, א דערשלאָגענער, א פארגרעבטער, איז לוים זיין חשגה איז עס אויך א נרבה. אָבער לוים א שענערן געשמאַק. א העכערער השגה איז עס גאָר קנאפ. דער אָרעמאן איז דאָך אויך גאָטס באשעפעניש, אי, ער איז פארגרעבט, אָבער רו ווייסט דאָך, אז ער איז א מענטש בצלם אלקים, מא ווייס עס!

א ראיה פון דער גמ״א: „ר׳ יוחנן האָט געזאָגט צו זיינע קינדער: גיים און דינגט פאר מיר ארבעטער.“ האָבן די קינדער אָפגערעדט מיט פועלים, אז פאר זייער ארבעט זאָלן זיי באקומען עסן, האָט ר׳ יוחנן זיי געהייסן נאָכאמאָל גיין מיט זיי אָפריידן בפירוש. וואָס ער וועט זיי געבן, ווייל אָפריידן סתם געבן עסן, איז אפילו ווען מען זאָל זיי געבן שלמה המלכס מאָלציימן, וועט מען אויך נים יוצא זיין.

ווייל אמת מאקע, די פועלים הונגעריקע, פארשמאַכטע וועלן מיט א גוט שטיקל פלייש אויך זיין גליקלעך. אָבער עס דארף דאָך גענומען ווערן אין אכט די רייכערע השגה, דער פיינערער געשמאַק, נים די נידעריקע פסיכאָלאָגיע פון נעמער.

— האָט מאקע אברהם אבינו — פלעגט ער מענהן — געקוילעט פאר זיינע דריי אורחים, הגם זיי זיינען געווען אָרעמע אראבער — דריי אָקסן, כדי יערערער זאָל קענען עסן א צונג מיט זענעפט...

אָדער:

אימיצער למשל שטיצט אָרעמעלייט מיט אַלץ וואָס ער קען. ער וואַלפּעט ניט קיין געלט און צייט אויפצוהאַלטן אָרעמע קראַנקע, אומגליקלעכע—איז נאָכן שכל נאָך איז ער אַ גוטער — אַזוי פאַרשטייט דער מענטש. די תורה פאַרשטייט אָבער אַנדערש ליבע: אויב אימיצער שטיצט אָרעמע און אומגליקלעכע, איז דאָס נאָך נישט קיין סימן פון ליבע צום מענטשן. איז דאָס נאָך ניט „ואהבת לרעך כמוך‟, ווייל, ווען די נויטבאַדערפטיקע, וועלכע ער שטיצט איצט, וואָלטן געווען רייך און געניסן פון גרויס גוטס, וואָלט ער זיך כלל ניט מצער געווען, הלמאי זיינען זיי ניט נאָך רייכער און קענען ניט נאָכמער געניסן פון תענוגים. איז דאָך אַ סימן, אַז זיין גוטע באַציאונג צו אָרעמע און אומגליקלעכע נעמט זיך ניט פון ליבע, נאָר פון דעם, ווייל דער צער און פיין פון די אומגליקלעכע האָט אים געבראַכט, ער זאָל זיך צו זיי דערנענטערן. ווייל זיין רחמנות צו זייער אומגליק האָט זיך בײַ אים צעוואָרימט. נעמט עס זיך נישט פון ליבע צום מענטשן, נאָר ווייל דער געפיל פון אכזריות האָט זיך בײַ אים געענדיקט. אכזריות האָט דאָך אויך אַ גרענעץ. די תורה אָבער פאָדערט ליבע צום מענטשן, ווייל דער מענטש איז גאָטס בריאה, באַשאַפן איז גאָטס געשטאַלט, ווייל דער מקור פון מענטשן איז גאָט. אויב אַזוי, דאַרפסטו ליב האָבן נישט נאָר אומגליקלעכע און גע־פלאָגטע, נאָר אַפילו זאַטע און תקיפים. אויב אַפילו זיי פעלט עפּעס, דאַרפסטו אויך זיין גרייט זיי צו העלפן מיט וואָס דו ביזט נאָר בכח. למשל, אַ גביר—אַ יורד, איז שוין ווייניק, וואָס דו ווערסט אים געבן זאַט אָפּצועסן, נאָר דאַרפסט אים צושטעלן אַזאַ מאָלצייט, ווי ער איז געוואוינט געווען צו עסן בעת ער איז געווען אַ גביר. אַפילו אַ פערד אַף צו רייטן, אפילו אַ קאַרעטע

ארויסצופאָרן דאַרפסטו אים צושטעלן, וויבאלד ער איז צו דעם צוגעוואוינט, און היינט פעלט עס אים, איז ער אין דעם אָרעם, אַט אזוי ווי דער פשוטער אָרעמאַן, אז עס פעלט אים די שטיקל ברויט.

און דערגרייכן די מדרגה פון גוטס־טאָן און ליב־האָבן קען מען, ווען דער מענטש פאַרטיפט זיך אין זיך, פאַרטראַכט זיך, ווען ער דערגרונטעוועט זיך אין דעם, וואָס איז אייגנטלעך דער ציל פון מענטשן אף דער וועלט, וואָס איז דער תכלית, ווען דער מענטש אַרבעט איבער זיך, ווען ער לערנט מוסר.

האָט דער אלטער געזאָגט:

— ווען איך זאָל וויסן, אז איך וועל זיין ווי איך בין, וואָלט איך זיך א מעשה אָנגעטאָן, אָבער ווען איך זאָל ניט האָפן צו זיין ווי דער ווילנער גאון, וואָלט איך דאָס אויך ניט געוועזן!

פאַרטראַכט זיך אין זיך, דערקען זיך!

* * *

ער פלעגט זאָגן:

שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, אף דער וועלט צאָלט מען ניט פאַר מצוות. אין א קליין שטעטל איז ניטאָ וואו א גרויסע אַסיגנאַציע אויסצובייטן. משטיינס געזאָגט, וואָס פאַרא תענוגים קען דער מענטש שוין האָבן אף דער וועלט? וויפיל קען דער מענטש בכלל ערדישע פאַרגעניגנס פאַרטראָגן? גוט עסן, גוט שלאָפן — וויפיל קען דער מענטש אופנעמען? ווען דער מענטש זאָל אָבער הנאה האָבן פון דעם, וואָס יענעם איז גוט און וואויל, ווען דער מענטש זאָל אריבערטראָגן אלעמענס הנאות אף זיך, דעמאָלט לוינט זיך שוין צו טראַכטן וועגן תענוגים.

איינמאָל איז באַם אלטן פלוצים אויסגעוואַקסן א סעודהלע

א מאָלצייט. עס איז געווען בא אים פרייליך. ער האָט געשיינט. וואָס באַטייט די שמחה?—האָט קיינער ניט געוואוסט. איז וועמען אַרט דאָס? א שמחה איז א שמחה!

יחידי סגולה האָבן אָבער געוואוסט, אַז דער אלטער האָט גערהאַט באמת זיך מיט וואָס משמח צו זיין. א גרויסע שמחה. מען האָט אים דערציילט, אַז אימיצער האָט ערגעץ אין א מדינה געוואונען דעם גרויסן געווינס. האָט דער אלטער זיך דערפרייט: א שמחה, א גדולה, מזל טוב! און געפראַוועט א סעודה...

האָט מען געוואוסט, אַז מען מעג אים דערציילן נאָר בשורות טובות. און מען האָט זיך געהיט אים צו דערציילן פון יענעמס צער. וואָרום א מעשה האָט פּאַסירט אין מלחמה-צייט (תרע״ח) ווען די ישיבה איז אַריבערגעפאָרן צוליבן גירוש אין קרעמענטשוג, האָבן די באָלשעוויקעס אַרעסטירט דעם אָרטיקן גביר. מיט א פּאָר וואָכן פריער האָט דער זעלבער גביר אַרויס-געטריבן די משולחים, וועלכע זיינען געקומען בעטן פאַר דער ישיבה א נדבה. ווען דער אלטער האָט זיך דערוואוסט וועגן גבירס אַרעסט, האָט ער געקלאָגט:

— אויב אַרעסטירן, האָבן זיי דאָך געקענט מיך. איך בין דאָך געוואוינט צו א קאַרגן לעבן. פאַרוואָס האָבן זיי מיך בעסער ניט גענומען?

* * *

ער האָט אַזוי געלערנט זיינע תלמידים:

— אפילו ווען דו רינסט גאָט, דאַרפסט קלערן וועגן מענטשן. אפשר טוסטו דעמאָלט אַן עוולה דעם נאָענטן, אין דיין התלהבות בעת דער תפילה צו גאָט, טראַכט וועגן דיין חבר.

רבא — זאָגט די גמרא — האָט זיך נוהג געווען בעת ער פלעגט זאָגן „קריאת שמע“, אין דעם סאַמען ערנסטן מאָ-

מענט, בעת דער מענטש נעמט ארויף אף זיך עול מלכות שמים און ער ווענדט זיינע אויגן נאך אויבן, אונטן און אלע רוחות — ארופצוליגן די האנט אף די אויגן.

פארוואס ?

— ווייל, קען זיין — האט געלערנט דער אלטער — אז דערביי שטייט אימיצער, וועמען עס זיינען ניט אנגענעם דיינע העוויות, דעריבער פלעגט רבא בארעקן מיטן האנט דעם פנים, כדי יענעם ניט אנצורירן...

* * *

פון צייט צו צייט פלעגט ער ניט ווערן. מסתמא איז ער בא זיך אינדערהיים. וואו דען? זיינע נאענטע האבן אבער געוווסט, אז ער איז איגדערהיים אויך ניטא. האבן זיי אים גענומען נאכ־שפירן. האט מען אים געכאפט, ווי ער לאזט זיך אין וועג מיט א כאפטע ציגיינער.

זיינע מקורבים האבן זיך געוויענדעט צו אים: — ילמדנו, רבינו, וואס באטייט עס? — האט ער פארטייטש:

— ציגיינער זיינען די עלנדסטע מענטשן אף דער וועלט. זיי ווייסן ניט פון רו, פון א היים. זיי פייניקן זיך מיט זייערע משפחות אין שווערן וועג. דארף מען זיי דערווארעמען מיט א פריילעכן בליק, מיט א פריינטלעכן שמייכל אין זייער וואגל, אין זייער נע־ונד.

און ווייל ער איז געווען איבערציינגט, אז וואגלער זיינען די עלנדסטע מענטשן, פלעגט ער אפט זיך אריבערכאפן אין גע־היים אף דערבייאיקע וואקזאלן און באגען. דארטן פלעגט ער געפינען א סך ארבעט פאר זיך: העלפן וואנדרער אונטערטראגן א פעקל, העלפן מיט אן עצה, טרייסטן מיט א גוט ווארט, דערווארעמען מיט א שמועס און אמאל העלפן מיט א גמילות חסד

ווייל געזאָגט האָט דער אַלטער:

„ואהבת לרעך כמוך”, האָב האָלט דיין חבר אזוי ווי זיך, אזוי ווי זיך נים לשם מצוה, אזוי אויך יענעם נים צוליב א מצוה.

ווינטער פלעגט ער אופשטיין גאַנץ פרי, אריבערכאַפּן זיך איבערן בריק אין שטאָט אַריין און אַוועקלאָזן זיך איבער די בתי מדרשים און קלויזן הייצן הארובעס.

ער האָט געלערנט: אַז ווייבאַלד די אויוונס אין די מדרשים און קלויזן וועלן גאַנץ פרי זיין אויסגעהייצט, וועט א טרעגער, א בעל עגלה, אַן אָרימאַן זיך אַריינכאַפּן דאָרטן אָנ־וואַרעמען און געפינען זיך אין א מקום־קדוש...

האָבן זיינע גאָר נאָענטע געפרעגט:

— רבי, איז עס פאַר אייך אַן עסק הייצן אויוונס און טראָגן פעקלעך?

האָט ער געענטפערט:

ווען דאָס זאָל אַפילו זיין שווער, ווי איר מיינט, איז עס אויך קיין טענה נים. די משכילים טענהן „ליכט”. מ'דאַרף דער מענטשהייט ברענגען ליכט. דאַרף מען אָבער נים פאַרגעסן, אַז א ליכט לייכט פאַר אַלעמען, אַליין גייט זיך אוים... אַנדערש איז דאָס קיין ליכט נים.

* * *

א מענטש איז א מלאך, העכער, ווי א מלאך. והראיה. אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און פאַרביינעפירט פאַר די מלאכים אַלע באַשעפענישן, האָבן זיי קיין נאָמען פאַר זיי נישט געקענט צוקלערן, און אדם — יאָ. אדם הראשון האָט באַגריפן, הייסט עס, דעם מהות פון יעדער באַשעפעניש. ער האָט משיג געווען יעדן אַטאָם זייערן, און די שייכות פון איינעם צום אַנדערן. די שייכות

פון יעדער באַשעפעניש איינע צו דער אַנדערער און אַפן גאַנצן כלל, און ווען עס זאָל פעלן איינע פון זיי, וואָלט געווען אַ פּגם אין דער גאַנצער בריאה.

האָט דער אַלטער פאַר יעדן בחור אין דער ישיבה גע־האַט אַן אַנדער צוגאַנג. אין יעדן האָט ער זיך געגרונטעוועט אַף אַן אַנדער שטייגער צו געפינען אַ תיקון. ער האָט יעדן בחור דורכגעזען, פונדעסטוועגן האָט ער וועגן קיינעם קיין שלעכטע מיינונג ניט אַרויסגעזאָגט. אַ מענטש איז אַ בעל־בחירה.

און פלעגט ער אָנטרעפן ווידערשפּעניקע. פלעגט ער זיך אַרויסשלאָגן פון די כחות, כדי זיי אַרופצופירן אַפן גלייכן וועג. און אַז אַלע סגולות פלעגן ניט העלפן, פלעגט ער זיך אַ נעם טאָן פאַסטן, ער כלות הנפש.

ער האָט אַמאָל וועגן איינעם אַ ווידערשפּעניקן זיך אַזוי אָפּגערופן:

„ער האָט מיר גאָר טייער געקאָסט“.

זיינע נאָענטע האָבן פאַרשטאַנען דעם טיין פון די דאָזיקע ווערטער.

* * *

אַלע טאָג, בין־מנחה למעריב, און װער רעדט שבת בין השמשות, פלעגט די ישיבה אויסזען ווי אַ שיף, וואָס האַלט באַם אונטערגיין. דער שבת קודש גייט אַוועק. אַלע ווילן איינהאַלטן נאָך אַ ווײַלע די רו. אָבער וואָס ווײַטער, רוקט זיך אַלץ מער די פינצטערניש, די שאָטנס ווערן גרעסער, ווערן געדיכטער. עס קומט וואָך. קיין פייער אָנצינדן טאָר מען ניט. קוקן אין אַ ספר איז אומעגלעך. דעמאָלט פאַרטראַכטן זיך אַלע אין מוסר־געדאַנקען. װער עס קלאָגט אַף זיינע עבירות בקול רם אין געשרייען און געוויין, װער עס קלאַפּט אין שטענדער מיטן האַנט אַזוי העפטיק,

אַז פונקטן פייער שפּריצן, כדי צו פאַריאָגן שלעכטע מחשבות, און ווער עס שוועבט שטיל, ווי אַף פליגלען, מיט זיינע געדאַנקען און גריבלט אין זיך ווי מיט נאָדלען:

„הקנאה, התאוה והכבוד מוציאים את האדם מן העולם!"

„אַ מענטש דאַרף זיין, אַ מענטש דאַרף זיין אַ חולה קדימהו!"

„אדם דואג על אבוד דמיו, דמיו חוזרים!"

אַ וואָלקן, אַ שוואַרצער וואָלקן דריקט פון אויבן. מענטשן זינקען אין אָפּגרונט און ווילן זיך ראַטעווען. שבת גייט אַוועק. עס קומט וואָך. אָט-אָט.

פּלוצים, ווי נאָך חבלי לידה הערט זיך אַ קלאַפּ:

„והוא רחום יכפר עון."

נישקשה, ער איז אַ גוטער, ער וועט רחמנות האָבן און פאַרגעבן די זינד.

און נאָך מעריב זאָגן אַלע אין כאָר מיט געוויין און גביות דעם קאַפּיטל תהילים „משכיל לדוד".

איינער זאָגט פאָר מיט אַזאַ האַרצרייסנדיקן ניגון, אַז שטיינער רירן זיך פון אָרט. דער גאַנצער עולם זאָגט נאָך בשותפות מיט וויי און טרער. אַלץ קלאָגט, אַלץ יאָמערט.

פון עולם וואַקסט אַרויס פּלוצים דער אַלטער. ער מאַכט הבדלה מיט גרויס מתיקות, עס הערט עפּעס לייכטער, היימלעכער. ער איילט גיך פון באַנק צו באַנק און זאָגט יעדן מיט כוונה:

„גוט וואָך!"

אַ רעדל נעמט זיך קרייזלען אַרום אַלטן. די רעדל וואַקסט אָט ווי די רינגען אין וואַסער. מען האָט אים אַרומגערינגלט און מען וואַרט אַף עפּעס. שפּאַרט זיך אָן דער אַלטער אָן שטענדער

און הויפט אָן שמועסן, אַט אַזוי ווי מען שמועסט, ווען מען וויל זיך מיט אימיצן אונטערהאַלטן:

— מיר ווייסן, אַז דער גרעסטער חוב, וואָס ליגט אַפן מענטשן, איז דאָס, וואָס ער דאַרף אַרופנעמען אַף זיך דעם יאָך פון גאַנץ הערשאַפט. דעם דאָזיקן חוב נעמט אַרויף דער מענטש דורכדעם, וואָס ער דאַרף מאַכן אַ ברכה אַף יעדער זאַך, וואָס פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן. קומט אויס אין פלוג, אַז דער אַרויפנעמען גאַנץ הערשאַפט איז צוליב דעם, כדי אונטערטעניק צו מאַכן דעם מענטשן, אים צו פאַרשקלאַפן — די ברכות זיינען אַ מין צינז, וואָס דער מענטש צאָלט פאַר פאַרגעניגנס. אַזוי דוכט זיך. אינדעראמתן איז דער ענין גאָר אַנדערש. ניט קיין פאַר־קנעכטונג און צינז איז עס, נאָר דאָס איז דער קוואַל פון פאַר־געניגנס.

און אַט ווי:

די טבע פון מענטשן איז, אַז ער ווערט נתפעל נאָר פון נייע דערשיינונגען. זאַכן, צו וואָס דער מענטש איז געוואוינט, רייצן ניט זיין נייגעריקייט, רייצן ניט זיין געפיל.

דעם געפיל פון פאַרגעניגן דערוועקן אין אונז זאַכן, וואָס מיר זעען צום ערשטן מאָל. קען טאַקע דער מענטש ניט פילן און ניט געניסן פון די שיינקייטן אַף דער וועלט, ווייל ער איז צו אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום, געוואוינט. ער קען דערפילן דעם פאַרגעניגן פון דעם, סיידן זיי זאָלן אים פריער פעלן.

באמת איז אָבער די גאַנצע וועלט אַ קוואַל פון תענוגים און שיינקייטן; יעדער קלייניקייט אין דער בריאה, יעדע פאַרפולקומקייט אין דער טבע, יעדע באַוועגונג אין דער נאַטור, קען דאָך אונז שאַפן תענוגים מיט פולע הויפנס. דער מענטש זעט די הערלעכקייט פון דער נאַטור אין אַ שלל פאַרבן, דאַרף דאָך

דאָס אים אײגנטלעך פאַרשאַפן פרייד אָן אַ סוף, פונדעסטוועגן פרייט דאָס אים ניט. ער הערט מיט זיינע אויערן, דער חוש פון הערן פאַרבינדט אים מיטן גאַנצן אַרום — ער הערט יעדע באַוועגונג, יעדן קלאַנג און אָפּקלאַנג אין דער יצירה, דאַרף ער, דאַכט זיך, זיך פרייען מיט אַ פולער מויל, און ער פרייט זיך ניט, ווייל ער איז געוואוינט צו הערן און צו זען תמיד. געפינט ער אין ניט אין דעם קיין נייס. אַז עס זאָל דערוועקן אין אים שמחה.

גאָט האָט דעם מענטשן באַשאָנקן מיט אַלע חושים און אים פאַרפולקומט פון דעם ערשטן טאָג פון זיין געבורט, דעריבער פילט ער ניט די הנאה פון דעם חסד, וואָס גאָט האָט מיט אים געטאָן.

כדי דעם מענטשן אַרויסצופירן פון זיין געוואוינהייט, וואָס פאַרשלעפערט אים, כדי אין אים אופצוועקן זיינע חושים, וועלכע גליווערן אין אים, ער זאָל דער־שפירן די שיינקייט פון דער בריאה און די חסדים, וואָס פילן אָן די וועלט, האָבן חז״ל באַ־שטימט ברכות.

די ברכות געוואוינען דעם מענטשן צו דערפילן, אַז דער „באַשאַפער באַנייט מיט גוטסקייט יעדן טאָג מעשי־בראשית״.

די גאַנצע בריאה, ווי זי וואָלט אָט ערשט איצט באַשאַפן געוואָרן, און דער מענטש, ווי ער וואָלט אָקאָרשט איצט געבאָרן געוואָרן. זיי לערנען אים זיך אַריינצוטראַכטן, ווי מיט אַ מינוט פריער איז ער נאָך אַף דער וועלט ניט געווען, אָדער געווען ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, וועלכער פילט ניט, ווי אַ בלינדער, וואָס זעט ניט, ווי אַ טויבער, וואָס הערט ניט — אָן פאַרשטאַנד און שכל — און מיטאַמאָל האָט גאָט ליכטיק געמאַכט זיינע אויגן און אים אַריינגעפירט אין אַ נייער וועלט. ער האָט געעפנט זיינע אָרעמס און געשטאַרקט זיינע ביינער, האָט הערצליק געמאַכט זיינע

אויערן, זײן פאַרשטאַנד האָט אָנגעהויבן צו ווירקן און זיך אַנט־וויקלען.

ווי גרויס איז דעמאָלט זײן שמחה!

אזוינע געפילן פאַרזיסן דעם מענטשנס לעבן. און זיי קומען דורכן אַרײנטראַכטן זיך אין די ברכות: „ער מאַכט זעעוודיק בלינ־דע; „באַפרײט געבונדענע"; גלײכט אוים געבויגענע"; „קערט אום נשמות צו אָפּגעשטאָרבענע."

דורך די ברכות דערפילט דער מענטש די וועלט פונדאַסניי. זײנע חושים וואַקסן, ווי ערשט געבאָרן...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אלע זײנען פאַרטיפט. האַלטן מויל און אויערן אָפן. קײנער האָט ניט באַמערקט, ווי פּלוצים איז דער אַלטער ניט געוואָרן. שבת צונאַכט. ער בלאָנדזשעט איצטער איבער עלנטע, פאַרשטווי־סענע, פינצטערע געסלעך. ער בלאָנדזשעט שטיל, ער שאַרט זיך אָן אַ זײט...

* * *

ער איז געווען אַ דיכטער, דער אַלטער. אַ צאַרטער דײנקער.

עס זײנען אָבער געווען רגעס, ווען דער דיכטער איז גע־וואָר אַ קריגסמאַן.

ער האָט געלערנט:

יעדער מענטש דאַרף זײן אַ דוד המלך. אַ דיכטער און אַ קריגסמאַן. ער דאַרף דיכטן תהילים־לידער. אָבער ווען מען דאַרף, איז קנאים פוגעין בו. דאַרף מען גורטן די לענדן און נײן מוטיק אין מלחמה.

ווען דער אַלטער האָט דערשפירט, אַז אַ סכנה לאָקערט

אַף גאָטס געצעלט, איז ער געוואָרן דער אומברחמנותדיקער מלחמה־מאַן, וואָס ווייס ניט פון קיין מורא.

אין פינפטן יאָר איז אין סלאָבאָדקער ישיבה אויסגעבראָכן אַ בונט — אַ „האַפקע" אַפן ישיבה־בחורישן לשון. מחוץ דער ישיבה האָבן אידישע רעוואָליוציאָנערן געקנעלט מיט ישיבה־לייט און געוואונען עטלעכע אַף זייער צד.

די „האַפקע" האָט ארומגעכאַפּט די ישיבה ווי אַ העליש פייער. ווידערשפעניקע האָבן געפאָדערט איינצופירן אַ פרייערן גייסט אין דער ישיבה. לערנען השכלה, מעגן לייענען אַ בוך, אַ בלאַט־צייטונג, באַגערן און פארלאַנגען, וואָס זיינען יאָרנלאַנג געצוימט געוואָרן. האָבן באַ די ווידערשפעניקע אויסגעבראָכן ווי אַ דונער און עס איז עלול געווען, אַז עס זאָל אַראָפּגעווישט ווערן אַלץ, וואָס האָט זיך איינגעגעבן דעם אלטן צו שאַפן מיט אַזוי פיל טרחה.

דער אַלטער האָט זיך ניט פאַרלאָרן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים געזען אין ישיבה. ער איז געווען גרייט צו מלחמה. זיין שפיציקער נאָדל־באָרד איז ארויסגעשפּרונגען פון זיין לאַנגיאָריקער באַהעלטעניש, דער „של־ראש" האָט זיך ארויסגעריסן פון אונטערן היטל, ווי אַ געטרייער זעלנער פון דער באַהאַלטענער וואָס איז אין עת סכנה. זיינע מילדע, אויסגעוואַשענע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן ווי ברענענדיקע שפּיזן.

ווער האָט געקענט קעגן זיי ביישטיין?!

מיט אַ פעסטער האַנט האָט ער גענומען אָפּווענדן די אָנפאַלן. אַ טייל האָט ער געלייגט אין חרם. קיינער האָט זיי שוין ניט געהאַלטן אַף „סטאַנציע" (דירה), קיינער האָט זיי שוין ניט פאַרקויפט עסן. אייניקע געוואונען מיט גוטן אַף זיין זייט, און אייניקע ארויסגעשיקט פון שטאָט דורך וואוילע בעל־עגלהשע יונגען,

און דעם רעשט צעשטויבט און אונטערטעניקט.

ווער האָט געקענט קעגן אים בײשטײן!

אַ מוטיקער, אומדערשראָקענער קריגסמאַן איז געווען דער אַלטער.

ער פלעגט אין אַזוינע רגעס אַזוי לערנען:

מען זאָגט: אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער. און מוסרניקעס זאָגן, אַז מען קען נישט אַריבער, מוז מען אַרויף!...

* * *

ער האָט אַ גאַנצן לעבן נישט גערוט.

אױף דער עלטער האָט אים אַהעקגעצויגן אין לאַנד פון די אבות. ראָדטן האָט ער לעבן ירושלים געגרינדעט אַ ישיבה.—כי מציון תצא תורה. פלוצים איז ער דאָרטן קראַנק געוואָרן. זײנע יסורים זײנען געווען איבערמענטשלעכע. ער האָט אָבער מיט גרויס ליבשאַפט אָנגענומען זײן פײן און נישט אויפגעהערט צו חזרן:

— אַז איך בין געווען יונג, האָב איך געמײנט, אַז ווען מען זאָל מיר ווײזן דעם גהינום, וועל איך טאָן תשובה. איצט זע איך, אַז עס איז אַ טעות!..

— און אַזוי פּאַמעלעך איז ער אויסגעגאַנגען און אײנגעזאַמלט געוואָרן אין זײן פאָלק. (כ״ט שבט תרפ״ז. — געב. תר״ט).

# דער אַלטער פון נאָוואַרעדאָק.

מיט יאָרן צוריק (1882) האָבן אַפּן וואָקזאַל פון דער שטעטל ווערזשבאָלאָווע, וואָס ליגט אַפּן גרענעץ פון אַמאָליקן רוסלאַנד (איצט ליטע) און דייטשלאַנד, זיך געטראָפן צוויי אידן.

געשטאַנען איז דאָ אַ טומל. פאַסאַזשירן האָבן געאײלט מיט זייערע פּעקלעך און זעקלעך. אַרום בופעט האָט זיך געשטויסן עולם עפּעס צובייסן, ניט אויסגעשלאָפענע פּאַרשוינען האָבן געדרעמלט אַף די בּײנק — די לופט איז געהאַנגען אַ געדיכטע, אַ צעפּאַרעטע.

אין אָט דעם קאָך־קעסל האָבן זיך עס געטראָפן בּיידע אידן.

עס איז געווען אַ קוק צו טאָן אַף בּיידן, כדי צו וויסן ווער זיי זיינען און וואָס זיי בּאַגערן מיט זייער נסיעה קיין אויס־לאַנד.

איינער אַ רב, אַ קורצער, אַן אויסגעצויגענער ווי אַ לולב, אַ לייגלעכע בּאָרד, וועלכע ענדיקט זיך שפּיציק אַף איין האָר, פון מאָגערן אויבגעגאַנגעם פּנים האָבּן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גליענדיקע אויגן, אין אַ ווירענער היטל אַפּן קאָפּ און אַ לייגלעכן אויפערבּגד. דאָס איז געווען ר׳ איצעלע פּעטערבּורגער.

דער צווייטער — אַ הויכער, אַ פולער פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ קיילעכדיקע בּרייטע בּאָרד, אַ רחבותדיקער, בּולטער, פּאַר־

עקשנטער שטערן אין א הארטן קאפעלוש — דאס איז געווען א קרעמער, ר׳ יויזל יוסף הורוויץ.

ביידע האבן געווארט אפן באן, וואס פירט קיין קעניגסבערג. דער רב איז געפארן זיך היילן פון א מיחוש, דער קרעמער — איינקויפן סחורה.

זיי האבן געקוקט יעדער פאר זיך אין א ספר, און פלוצים איינער דעם אנדערן באמערקט:

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— וואוהין פארט א איד?

דער פרעגער איז געווען דער רב. ער האט אין זיין נייעם באקאנטן עפעס דערטאפט מיט זיינע גליענדיקע אויגן און עס האט אים געצויגן צו אים.

דער קרעמער האט אויך געקלעפט צום נייעם באקאנטן פון דער ערשטער רגע.

דער קרעמער האט זיך געקלאגט:

— כל ימי געלערנט. דער טאטע א רב אין שוועקסנע. איצט בין איך אראפ פון קעסט, קרעמערט מען. פרעג וואס־ווען! נים די וועלט, נים יענע וועלט — סתם געמסחרט!

דער קרעמער האט זיך לאנג אראפגערעדט פון הארצן און אריינגעקוקט זיין נייעם באקאנטן אין די אויגן, ווי ער וואלט אף א תירוץ אף זיינע ספיקות און שאלות געווארט — א קליינקייט ר׳ איצעלע פעטערבורגער!

דער רב האט פארמאכט די אויגן, זיין שטערן איז געווארן העכער, ברייטער. גערדריט דעם איינציקן האר, וואס אפן סוף בארד, און מיט אמאל אפגעהאקט:

—ווארפט דעם מסחר. לערנט בעסער תורה!

דעם קרעמערס פולער פנים האָט זיך אויסגעצויגן — ער האָט געפּ'לט, אַז ר' איצעלע פעטערבורגער האָט געטראָפן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפּרואווט:

— איך האָב אין שוועקסנע אַ ווייב מיט דריי קליינע קינדער, — מיט וואָס לעבט מען?

— און איך פרעג — האָט ר' איצעלע פעטערבורגער רחמנותדיק אָנגעקוקט זיין נייעם באַקאַנטן — מיט וואָס שטאַרבט מען? איר פאַרשטייט, מיט וואָס שטאַרבט מען?!

דער רב דאָט נאָך פעסטער פאַרקלעמט די אויגן, זיך טיפער פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט די שאלה געשטעלט זיך און געזוכט אַ תשובה.

— מיט וואָס שטאַרבט מען? — האָט דער קרעמער אַ פאַרלאָרענער, אַ דערשראָקענער זיך געשאָקלט און געחזרט:

— טאַקע, מיט וואָס שטאַרבט מען?!

— זאָרגט זיך ניט! — האָט דער רב אופגעוועקט טרייסטנדיק זיין נייעם באַקאַנטן — איר וועט קומען קיין קעניגסבערג, וועט איר אַריינגיין צו ר' ישראל סאַלאַנטער. עס וועט שוין אַלץ רעכט ווערן!

* * *

איצט האָט דער קרעמער שוין ניט גערוט:

און וואָס וועט טאַקע זיין, אַז ר' ישראל וועט אים הייסן וואַרפן מסחר? מיט וואָס לעבט מען? איז דאָך אָבער ווידער די אַלטע קשיא: מיט וואָס שטאַרבט מען? נאָר נישקשה, ר' ישראל וועט שוין אַלץ פאַרענטפערן.

ר' ישראל האָט אופגענומען דעם גאַסט, אים געגלעט מיט זיינע אויסגעצאַנגענע הענט, געטוליעט אים צו זיך מיט זיינע ליכטיקע אויגן, וועלכע האָבן געפליצט אַרום זיך מיט וואַרימקייט.

ער האָט זיך מיט זיין נייעם באַקאַנטן דערפרייט, אַט אַזוי ווי אַ געניטער גערטנער, וואָס בדקעט אַ זווימען און פילט, אַז עס וועט פון אים אויסוואַקסן אַ בוים—אַ פּראַכט, האָט אים ר׳ ישראל קורץ דערציילט:

— געווען אין אַ שטעטל צוויי קרעמערס, ביידע טאַטעס פון קינדער. האָבן זיי זיך באַזונגען, אַז מסחר איז קיין תכלית ניט, האָבן זיי געוואָרפן דעם האנדל און זיך גענומען צום לערנען תורה. איינער האָט מצליח געווען, דער צווייטער ניט...

* * *

אף מאָרגן איז ר׳ יויזל יוסף ווידער געשטאַנען פאַר ר׳ ישראלן, די ברייטע קיילעכדיקע באָרד צעטומלט, זיין בולטער רחבותדיקער, פאַרעקשנטער שטערן צעקנייטשט, ווי דער שאַרבן וואָלט ניט אויסגעהאַלטן די שווערע ספיקות און אין עטלעכע ערטער געפּלאַצט...

ער האָט געפרעגט:

— און ווי איז דער וועג אין עבודת הבורא?

— העכער איז צו זיין אַ איש־מדיני, אַ מענטש מיט דער געזעלשאַפט, אָבער על פי נוים מוזן מיר זיין פּרושים.

— און ווי איז דער וועג אין פרישות?

— אין די יונגע יאָרן האָב איך געמיינט — זאָגט ר׳ ישראל — אַז מ׳דאַרף זיך אויסטאָן פון זיך, שוועבן אין די הימלען און כאַפּן מלאכים, נאָכדעם האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז מער ווי דער זיך איז נישטאָ.

איצט האָט שוין דער קרעמער געשוועבט צווישן הימל און ערד. צו זיין ווייב און קינדער וועט ער זיך שוין ניט אומקערן. דאָס איז שוין פאַר אים קלאָר. די שאלה איז נאָר—צי

תעניתים און סיגופים, דורך קבלה קומען צו די וועלטן פון מלאכים און זיך באַהעפטן צו חיי־עולמים, אָדער אַראָפּלאָזן זיך צו דער ערד — זיך נעמען צום חומר. זיך שלאָגן מיט זיך.

און אַ לאַנגע מלחמה האָט געפירט מיט זיך דער קרע־מער. ער איז לאַנג געהאַנגען אַ פאַרקראַמפּטער אין קלעם צווישן הימל און ערד, און לבסוף האָט ער זיך באַפרייט — עס איז באַ אים געבליבן, אַז מער ווי דער זיך איז ניטאָ. אַלע מחשבות דאַרפן זיין געווענדעט אויף זיך. דער פאַלשער מענטש ליגט אין זיך, און דער אמתער מענטש ליגט אין זיך, קען איך אַלץ לערנען פון זיך. פאַרוואָס זאָל איך לערנען פון דער וועלט, אַז איך אַליין בין די וועלט, בין אַ שטיק וועלט?—אברהם למד תורה מעצמו.

אין מענטשן איז אַלץ פאַראַן. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אויף צו באַשאַפן אַ מענטשן.

חוץ מער ווי דער זיך איז ניטאָ.

* * *

ר׳ יויזל יוסף איז אַוועק אין וואַלד, וואָס לעבן דער שטעטל זאַסלע. דאָרטן זיך אויסגעבויט אַ הייזל און דאָ זיך באַזעצט. ער האָט אין איין וואַנט פון הייזל געמאַכט צוויי פענצטער־לעכער אויף צו דערלאַנגען אים דורך זיי עסן: מילכיקס און פליי־שיקס (דעריבער האָט מען אים אויך גערופן ר׳ יויזל בעל־החורים) און גאַנצע זיבן יאָר דאָרטן אָפּגעזעסן אָפּגעשיידט פון דער וועלט און געלערנט די תורה פון זיין רבין:

„מער ווי דער זיך איז ניטאָ!“

ער האָט די דאָזיקע תורה מער פאַרברייטערט און פאַר־טיפט פאַר זיין רבין ר׳ ישראל סאַלאַנטער.

אָט אַזוי ווי דער בעל־שם־טוב האָט פון זיין טאַטן געהערט די עטלעכע ווערטער:

— „מער ווי דער רבונו של עולם איז ניטאָ”, האָט ער די ראָזיקע ווערטער געחזרט, עס פאַרבריימערט און פאַרטיפט און געשאַפן דעם חסירות, אַט אַזוי האָט ר׳ יוזל יוסף ניט אויפגעהערט צו חזרן די ווערטער פון זיין רבין:

— „מער ווי דער זיך איז ניטאָ”.

ער האָט עס געפאָרשט און מפרש געווען און געשאַפן די שיטה אין מוסר פון „פחיתת־האדם” פון „כפירת האדם”.

דער בעל־שם טוב האָט נעדרשנט: — וויבאלד, אז מער ווי דער רבונו של עולם איז ניטאָ, ווערט דער רבונו של עולם מיך אלץ לערנען, אַט אַזוי האָט ר׳ יוזל יוסף געדרונגען:

— וויבאלד, אז מער ווי דער זיך איז ניטאָ, ווערט מיך שוין דער זיך אלץ לערנען!...

און ער איז אַוועק אַ סך ווייטער פון זיין רבין:

ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געזאָגט:

— אַ מענטש דאַרף האָבן תמיד אָנגעגרייט דריי פייגן: אַ פייג פאַר דער וועלט, אַ פייג פאַר דער משפחה און אַ פייג פאַר זיך, און ר׳ יוזל יוסף האָט געזאָגט:

— מער ווי איין פייג פאַר זיך דאַרף דער מענטש ניט אָנגרייטן, ווייל מער ווי דער זיך איז ניטאָ.

* * *

קיילעכדיקע זיבן יאָר איז ר׳ יוזל יוסף אָפּגעזעסן אין וואלד לעבן זאסלע. ער האָט דאָרטן דורכגעלערנט ש״ס, קבלה און מוסר.

סוף זיבן יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין שטעטל־ריקן בית־המדרש. מ׳האָט אים תחילת ווייניק באַמערקט, אַט אַזוי ווי ס׳איז געוואוינט געווען ניט צו באַמערקן די אַנדערע אירן—

אָרעמעלייט, משולחים, נשרפים, מגידים, וואָס פלעגן וואָגלען אי־בער דער וועלט.

נאָכדעם האָט מען שוין געוואוסט, אז נאָך מנחה, נאָך מעריב פאַרפירט דער אָפּגעריסענער איד אַ שמועס מיטן עולם.

ער שפּאַרט זיך אָן אָן אַ שטענדער, קוקט אַריין אין זיינע אייגענע הענט, ווי ער וואָלט גערעדט מיט זיך, הויבּן זיך אָן צו קלייבּן נייגעריקע, און דער איד שמועסט:

— פאַראַן אַזוינע חקרנים, פילאָזאָפן, וואָס האָבּן איינגע־פונען, אַז די אויגן פון מענטשן נאַרן אָפּ. במציאות, אינדער־אמתן הייסט עס, איז גאָר קיין וועלט ניטאָ. דער מענטש מיינט נאָר, אַז ער זעט מענטשן, שטעט, לענדער. אינדעראמתן איז עס גאָר ניטאָ. עס איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה, ווייל די אויגן פון מענטשן נאַרן אָפּ. עס איז גאָר אַ שאלה, צי איך אַליין בין דאָ, נאָר וויבאַלד איך טראַכט, איז אַ סימן, אַז איך בין דאָ, ווייל מער ווי דער זיך איז ניטאָ.

יעדער איז דעריבּער מחויב זיך צו פאַרטיפן אין זיך, אַריינ־שווימען אין די טיפענישן פון זיין האַרצן, אויסגראָבּן אין זיך דעם פאַרבּלענדעטן שכל, דעמאָלט וועט דער מענטש איינגעפינען, אַז ער בּאַשטייט פון צוויי הפוכדיקע ווילנס. פון „בּלינדן ווילן״ און „ריינעם ווילן״.

עס ווען ניט העלפן קיין לויבּגעזאַנגען, וואָס מענטשן זינגען דעם „בּלינדן ווילן“, ווייל פּגר בּלייבּט פּגר. מ׳קען דעם פּגר ניט פאַרזינגען און פאַרפּויקן.

אָבּער מ׳דאַרף דעם פּגר ניט בּאַגראָבּן, ווי אַנדערע מרה־שחורהניקעס און פעסימיסטן ווילן האָבּן, ווייל עס איז פאַראַן אין מענטשן אַ ריינער ווילן. בּאַ אַ גוטער סטראַטעגיע קען דער גוטער ווילן מנצח זיין דעם בּלינדן רצון, גראָד פאַרקערט: דער

בלינדער ווילן  ווערט דעמאָלט פאַרן מענטשן א מזל־ברכה, ווייל ווען עס זאָל  פעלן א שטיקל יצר־הרע אין מענטשן, וועט פעלן אין אים א שטיק צריק...

דאַרף דער מענטש אופגראָבן אין  זיך  דעם בלינדן רצון און געפינען די איידעלע „נגיעה", וואָס האָט געבראַכט זיין שכל צו פאַרבלענדן.

יעדערער, ווער עס טוט ניט אַף ברור  המדות, ווער עס טוט ניט אַף זיך, און גראָבט ניט אויף זיין „נגיעה", בלייבט ער ווי א בלינדער, וואָס האָט קיינמאָל די ליכט ניט געזען.

ווער עס  ארבעט ניט אַף זיך צו פאַרוואַנדלען דעם בלינדן רצון אין ריינעם ווילן, לעבט ווי א חיה, און ליידט ווי א מענטש.

דער בלינדער ווילן גראָבט פאַרן מענטשן דעם גאַנצן לעבן א קבר, נעמט פון אים נקמה און פייניקט אים ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

דער  מענטש, וואָס געניסט כלומרשט פון פאַרגעניגן, איז געגליכן  צו  א הונט, וואָס זויגט א מאָגערן טרוקענעם ביין און צובייסט בעת מעשה זיין אייגענע מויל ביז  בלוט  און זויגט עס נאָכדעם פון זיך, מיינענדיק, אז דאָס גוטס קומט פון ביין...

די  וואָס ריידן נאָר וועגן „רוממות האדם", וועגן גרויסקייט פון מענטשן זיינען געגליכן צו יענעם  אסטראָנאָם,  וואָס קוקט אפן הימל, ציילט דאָרטן שטערן, און זעט ניט, וואָס עס טוט זיך בא אים אונטערן נאָז און פאַלט אריין אין א גרוב...

די וואָס זעען נאָר דעם  נידעריקן  ווילן  באַם מענטשן, זיינען געגליכן צו יענעם קליין קינד,  וואָס  זעט א געפונדרענעם אָדלער און מיינט, אז ער מוז שוין א גאַנץ לעבן קריכן אַף דער ערד און זיך פייניקן. זיי  ווייסן ניט, אז ווען מ'זאָל באַם אָדלער אָפּ-

שנײַדן די פּענטעס, האָט ער פליגלען און קען פליען אין די הימלען!..

* * *

און ביסלעכווײַז האָט זיך אָנגעהויבן דער נע־ונד פון ר׳ יוסף יויזלען אָף דער וועלט. ער פלעגט זיך אָפּשטעלן אין די וועלדער און זיך אַריבערכאַפּן אין שטעטלדיקן בית־המדרש צו געפינען אָפענע אויערן פאַר זײַן תורה.

ער פלעגט זאָגן:

— ביז מײַן רבין האָבן אַלע אַ טעות געהאַט:

אַ טײל פילאָזאָפן האָבן געזאָגט, אַז דער גרעסטער אומגליק פון מענטשן איז ענוה, הכנעה, אונטערטעניקײט און באַשײדנקײט. זײ זאָגן: די גאַנצע מענטשהײט דאַרף זײַן אַ לײטער פאַר דעם מענטשנס אופשטײַג, כדי צו דערגרײכן מאַכט און כבוד.

אַ העלר ביסטו — זאָגן זײ — ווען דו קענסט מאַכן פון אַלע מענטשן אַ הויכן באַרג, כדי דו זאָלסט זיך קענען שטעלן אויבן. דעמאָלט ועט מען ערשט קענען דערזען דײַן גרויסקײט.

אַ טײל האָבן געזאָגט פונקט פאַרקערט:

— ענאָאיזם, אײַגנליבע איז אַן אומגליק פאַרן מענטשן. דער מענטש דאַרף זיך שטעלן נידעריקער פאַר אַלע מענטשן. ער דאַרף מאַכן פון אַלע מענטשן אַ באַרג און זיך אונטערלײגן אונטן, ועט די מענטשהײט ווערן העכער.

קומען אַנדערע און זאָגן; ניט אַלע מענטשן אונטערן מענטש, און ניט דער מענטש אונטער אַלע מענטשן. נאָר דו פאַר אַלעמען, און אַלע פאַר דיר.

אלע האָבן זיי אָבער געהאַט אַ טעות, ווייל זיי האָבן דעם מענטשן ווייניק געקענט, ווייל זיי האָבן זיך ווייניק געקענט. במילא האָבן זיי ניט געקענט געבן דעם מענטשן אַ ריכטיקן אינהאַלט. זיי האָבן דעם מענטשן צעבּרעקלט, יעדערער האָט געכאַפּט אַ בּרעקל, און דעם גאַנצן מענטשן ניט אויפגעשטעלט.

אַלץ וואָס זיי זאָגן איז ריכטיק און ניט ריכטיק.

בּאַ אַ ריכטיקן מענטשן קענען אַלע טעאָריעס זיין ריכטיק, בּאַ אַ ניט ריכטיקן — איז קיין זאַך ניט ריכטיק.

כדי צו שאַפן אַן אמתן מענטשן, דאַרף מען דעם מענטשן קענען. דער זיך אַליין קען אַלץ וויסן און לערנען. אברהם למד תורה מעצמו.

אַלע אידעאַלן: צי דער מענטש פאַר אַלעמען, אָדער אַלע פאַרן מענטשן, צי די וועלט פאַרן יחיד, אָדער דער יחיד פאַר דער וועלט — אַלע אידעאַלן און טעאָריעס זיינען דאָך איינענע געפילן. עס בּייטן זיך די אייגענע געפילן, מיינט ער, דער מענטש, אַז עס בּייטן זיך די אידעאַלן און עס ווערן בּאַ־שאַפן נייע שיטות. עס איז אַ שרעקלעכער טעות. אפילו ליבן דעם צווייטן בּלינד, הייסט דאָך אויך ליבן זיך אַליין. דו ליבסט דעם צווייטן, ווייל דו ליבסט זיך. קענסט ניט זיך, ווי קענסטו יענעם האַלט האָבן ווי זיך? אויב דו ווייסט ניט, וואָס עס איז גוט פאַר זיך, טאָ וואָס קומט אַרויס, וואָס דו האָסט האַלט יע־נעם ווי זיך?

דו פאַר אַלעמען און אַלע פאַר דיר, בּלייבּט ווייטער: אַלע פאַר דיר, און דו פאַר דיר, און יעדערער פאַר זיך, ווייל דו קענסט פון דיין אייגן הויט ניט אַנטלויפן.

דו מיינסט, אַז דו שאַפסט אידעאַלן. דו מאַכסט איבּער שיטות און מאַכסט וועלט־איבּערקערענישן. באמת בּייטסטו מע־

ניט ריינע געפילן און קערסט זיך אליין איבער. צי דו לעבסט דעם גאַנצן לעבן מיט מיליאָנען מענטשן, צי דו לעבסט אליין אפן בוידעם, ביזטו ניט מער ווי מיט זיך, און דו בלייבסט ניט מער ווי פאר זיך, ווייל מער ווי דער זיך איז ניטאָ.

פאַרטראַכט זיך אין זיך, דערקען זיך.

די אופגעקלערטע זאָגן: „קען די וועלט!", חסידים זאָגן: „קען גאָט"!, לומדים זאָגן: „קען די תורה"!, און מוסרניקעס זאָגן: „קען זיך!"

* * *

אַט אזוי האָט ר' יויזל יוסף געוואָגלט איבער דער וועלט, ביסלעכווייז האָט ער באַקומען אָנהייגער. און ווען ער האָט דער־גרייכט די שטעטל נאַווארעדאק, האָבן זיינע תלמידים שוין גע־ציילט אַ היבשע צאָל. אַט דאָ אין נאַווארעדאק האָט ער זיך אָפגעשטעלט, פאַרזאַמלט זיינע תלמידים און דאָ געשאַפן די ערשטע ישיבה (1893) און באַקאַנט געוואָרן פאר זיינע אָנהייגער מיטן נאָמען „דער אַלטער פון נאַווארעדאַק".

ער האָט אזוי געלערנט זיינע תלמידים:

— קיין אמת איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ. דעם אמת האָט נאָך קיינער ניט געזען, ווייל ער געפינט זיך באַם רבונו של עולם, קען קיין נברא, קיין באַשעפעניש עס ניט זען. אונ־זער אמת איז: ניט גיין מיטן שקר. וואָס ווייטער דו ביזט פון שקר, אַלץ נעענטער קומסטו צום אמת. אויב דו קענסט ניט זען דעם אמת, ווייל דו ביזט ווייט פון אים, טאָ קוק אפן שקר, צו ווען דו ביזט נאָענט, וועסטו פון דעם שקר וויסן, וואָס אמת איז.

וואָס דו טראַכסט און מיינסט, אַז דאָס איז גאָט, איז אַ סימן, אַז דאָס איז ער ניט — האָט אפאַלטון אמאָל געזאָגט,

נאָר אז דו וועסט טראַכטן אין שלילה, אז דאָס איז ניט גאָט, וועסטו טרעפן.

דאָס אייגענע איז מיטן אמת. אז דו מיינסט, אז דאָס איז אמת, איז עס דער בעסטער סימן, אז דאָס איז שקר, נאָר אז דו פאַרשטייסט דיין שקר און דערוויטערסט זיך פון אים, געפינסטו דעם וועג צום אמת.

אזוי ווי אמאָליקע גענצנדינער, וואָס פאַר א נטיות און געפילן זיי האָבן געהאַט, אזא גאָט האָבן זיי זיך באַשאַפן, דאָס זעלבע איז מיטן אמת. וואָס דעם מענטשן געפעלט, זאָגט ער, אז דאָס איז אמת.

צו וואָס איז עס געגליכן?

צו יענעם סאָלדאַט, וואָס האָט זיך געלערנט שיסן אין ציל און תמיד געטראָפן אין פינטל. נאָר פשוט: ער האָט פריער געשאָסן, און נאָכדעם געמאַכט דעם קרייזעלע — דעם ציל...

אזוי איז דער מענטש מיט זיין אמת: פריער טוט ער, וואָס אים געפעלט, נאָכדעם באַקליידט ער זייגע מעשים מיט זיין אמת און ווייזט אז ער האָט געטראָפן...

דאַרף דער מענטש זיך תמיד גריבלען אין זיין שקר און אין רגע פון אים אָן אויג ניט אָפּלאָזן, וויל טאָמער ניט, ווערט דער שקר זיך אריינכאַפּן אין זיין אמת, און וואָס מער אמת ער פאַרמאָגט, אלץ שווערער איז דעמאָלט אויסצוזגעפינען דעם שקר, וויל זיי האָבן שוין געמאַכט שותפות. קען דעריבער דער מענטש צום אמת ניט דערגיין. אפשר געציילטע אין א דור. די וועג פון אמת איז צו פאַרשטיין דעם שקר. דאָס פאַרשטייט נאָר דעמאָלט דער מענטש, ווען ער ווייס. אז מער ווי דער זיך איז ניטאָ...

* * *

איינמאָל איז דער אַלטער פון נאָווארעדאָק געפאָרן אין באַן. קומט אַריין אַ יונגערמאַן און פאַלט אַף אים אָן:

— אַ העזה, שלעפער איינער, ווי פאַרכאַפּט איר דאָס מיין פלאַץ!

פאַרענטפערט זיך דער אַלטער:

— איך בין אַרופגעשטיגן פון אָט דער סטאַנציע, זע איך אַן אָרט איז ליידיק, האָב איך זיך געזעצט. — אַנטשולדיקט, זייט מוחל! איך האָב ניט געוואוסט, אַז דער אָרט איז פאַרנומען, אַז זיין באַזיצער איז אַף ווײַלע אַרויסגעגאַנגען. אַנטשולדיקט, זייט מוחל!

דער אַלטער לאָזט שוין דעם יונגענמאַן ניט אָפּ. ער אַנט־שולדיקט זיך און בעט זיך בײַ אים, אפשר קען ער מיט עפּעס אויסקויפן זיין זינד.

שמועסט ער מיטן יונגענמאַן און דערוויסט זיך, אַז זיין נײַ־ער באַקאַנטער פאָרט אין דער אייגענער שטאָט וואוהין ער, זוכן אַרבעט. האָט אים שוין דער אַלטער ניט אָפּגעלאָזן, אַרײַנגעפאָרן מיט אים אין איין אכסניה און לאַנג געזוכט און געפונען צווישן זיינע באַקאַנטע אַרבעט פאַרן יונגענמאַן.

ווײַל געזאָגט האָט דער אַלטער פון נאָוואָרעדאָק:

אין פסוק שטייט: „ונפשי כעפר לכל תהיה" — דער מענטש דאַרף זיין אָט אַזוי ווי די ערד. אָט אַזוי ווי די ערד, הגם אַלע טרעטן זי, פונדעסטוועגן גיט זי פירות און שפּײַזט דעם מענטשן, אָט אַזוי דאַרף טאָן דער מענטש.

דעריבער, אַז מ'גיט דיר אַ פּאַטש אין איין באַק, טאָ שטעל ניט אויס די צווייטע, ווײַל דאָס וואָלט הייסן עובר זיין אָפּן לאו פון „לפני עור", נאָר אויב אימיצער גיט דיר אַ פּאַטש אין באַק, טו אים אָפּ אַנדערש, — טו אים אָפּ אַ טובה...

ער פלעגט שטענדיק טענהנען:

— איידער איך האָב געלערנט מוסר, האָב איך געמיינט, אז אלע זיינען שולדיק, איך ניט, נאָכדעם — אלע זיינען שולדיק, איך אויך. און איצט זע איך — אלע זיינען אומשולדיק נאָר איך אליין בין שולדיק.

* * *

זיין גאַנצן לעבן האָט ער זיך אָפּגעזונדערט אין וואַלד, וואו ער האָט פאַר זיך געבויט היזלעך און דאָרטן אין התבודדות פאַרבראַכט אף בירור־המדות. זיין לעבן איז געבליבן אומבאַקאַנט, אַט אַזוי ווי קיינער חייש ניט וואו זיינע היזלעך זיינען געשטאַנען.

און הגם ער האָט דעם לעבן פאַרבראַכט אף „שבירת הרצון", פונדעסטוועגן האָט עס זיין מוט ניט געבראָכן, פאַרקערט, ער איז געווען פול מיט אָפּטימיזם, מיט בטחון.

איינמאָל, ווען ער איז געזעסן אליין אין זיין וואַלד־שטיבל און געלערנט, איז בא אים די ליכט אויסגעגאַנגען. די נאַכט איז נאָך לאַנג, איז וואָס טוט מען?

איז דער אלטער אוועק אין שטעטל. עס איז שוין שפּעט. טיר און טויער זיינען פאַרמאַכט. אלע שלאָפן שוין, פאַלט אָבער דער אלטער בא זיך ניט אראָפּ. ער וועט פאָרט קריגן ליכט.

באַמערקט ער פּלוצים, ווי פון עק שטעטל שניידט זיך א מענטש. ערשט א אידישער קאָראַבעלניק האָט זיך שפּעט בא־נאַכט צוריקגעקערט פון לאַנד אהיים. זעט דער קאָראַבעלניק א אידן, פרעגט ער אים:

— אפשר דאַרפט איר עפּעס סחורה, אפשר א ליכט?

דער אלטער האָט בא אים געקויפט עטלעכע ליכט, און אין ליכט איינגעוויקלט בא זיך לזכרון, צו לערנען, וואָס בטחון הייסט. גאַנצע 25 יאָר האָט ער אָפּגעהאַלטן די ליכט ביז עס

איז אמאָל געקומען אַ שריפה אין שטעטל און די ליכט איז פארברענט געוואָרן.

האָט דער אַלטער געדרונגען:

אַף בטחון דאַרף מען ניט קיין סימנים און קיין ראיות.

פלעגט ער טאקע פון דעמאָלט חתמענען זיין נאָמען:

„ב"ב" — בעל בטחון.

* * *

אין יאָר 1914, אין דער צייט פון מלחמה, איז דער אַל־טער מיט זיין נאָוואָראדאקער ישיבה אויסגעוואַנדערט קיין רוסלאנד.

דאָרטן האָט ער געשאַפן מוסר־ישיבות אין קיעוו, סאראַ־טאָוו, צאַריצין, כאַרקאָוו, אַסטראַכאַן, האָמעל, ראָסטאָוו.

די מלחמה האָט געהאַלטן אין רעכטן פייער. אַלץ האָט געברענט און געפלאַקערט, און דער אַלטער איז זיך רואיק גע־זעסן אין קיעוו, וואו איין באַנדע האָט געביטן די מאַכט מיט דער אַנדערער. מענטשלעך בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, — איז דער אַלטער געזעסן רואיק אין קיעוו און געשיקט טע־לעגראַמעס צו זיינע תלמידים:

„רע מאין באתו!", „אם לא עכשיו אימתי?" אָדער: „קען זיין!"

* * *

אין יאָר 1915, בעת דער שטראָם הייסלאָזע האָט פאַר־פלייצט רוסלאַנד און זיך דערקייקלט אַזש ביז כאַרבין, די באַנען זיינען געפאַקט פון סאָלדאַטן אַפן פראָנט און וואָגלער. — ניטאָ קיין אָרט, זיצט דעמאָלט דער אַלטער בײַ אַ 30־גראַדיקן פראָסט אַפן דאַך פון איינעם פון די באַן־וואַגאָנעס, וואָס פירט קיין סיביר.

דער 65־יאָריקער אַלטער פאָרט מקבל פנים זיין די עלנדע, פאַר־טריבענע וואָגלער אַף זייער נע־ונד. ער טרייסט זיי און לערנט זיי בטחון. ער לערנט זיי, זיי זאָלן זיך ניט אַראָפּפאַלן. אפילו

ווען א שאַרפער שווערד ליגט אפן האַלז, דאַרף דער מענטש ניט אַראָפּפאַלן, דאַרף מען מאַכן א חשבון־הנפש.

א צווייטן מאָל טרעפן מיר אים אין א געדריינג, הייגגעני־ריק אף א וואַגאָן־טרעפל. דער זקן האָט זיך אָנגעקלאַמערט אָן פאָרענטשע, און אַזוי היינגט ער אפן טרעפל.

וואָס איז די איילעניש?

דאָס פאָרט דער אַלטער קיין אירקוטסק פאַרמאַכן זיין ישיבה, וואָס ער האָט ניט לאַנג געעפנט. די ישיבה איז אַוועק ניט לויט זיין געשמאַק.

— ווער עס קען ניט פאַרמאַכן קיין ישיבות — האָט ער געזאָגט — דער קען ניט עפענען קיין ישיבות...

* * *

1919 אין קיעוו. דער אַלטער איז שוין 71 יאָר. ער האַלט זיך נאָך אָבער פאַר יונג.

— מ׳איז דאָך נאָך אַזוי יונג — פלעגט ער טענהנען — והראיה, מ׳האָט נאָך גאָרניט אופגעטאָן.

דעניקין, פעטלורא, מאַכנאָ און אַנדערע באַנדעס ביטן איי־נע מיט די אַנדערע די מאַכט אין אוקראַינע.

אידיש בלוט גיסט זיך אָן א שיעור. אידן האָבן מורא אַרויסצוגיין מפתח ביתם; דעם אַלטן טרעפן מיר דאָן אַרומשפּאַ־צירנדיק אפן גאַס מיטן יאַרמעלקע אפן קאָפּ, אַרומגערינגלט מיט זיינע תלמידים פאַרטאָן אין מוסר.

אידן קוקן זיך צו, און נעמען זיך באַווייזן אף די גאַסן.

שמחת־תורה דעם זעלבן יאָר, זיינען די אוסרואיקסטע טעג פאַר אידן אין קיעוו. דער אַלטער איז זיך משמח דעם טאָג ווי תמיד. צו הבדלה שלאָגט אַריין א גראַנאַט בײַ אים אין הויף.

אפילו אַ טראָפּן ווײַן האָט דער אַלטער פון הבדלה־כּוס ניט פֿאַרלאָרן. די האַנט האָט ניט געטרייסלט. אַלע האָבן זיך בּאַרוּאיקט.

עס בּוּשעוועט דעמאָלט דער טיף. דער אַלטער פּאַסט אוֹיף זײַנע תּלמידים ווי אַ בּאַרמהאַרציקער בּרוּדער. שטעכט ער זיך אָן מיט דער מחלה, און דער טויט קוּמט בּײַ זײַן גוּף. (י״ז כּסלו תּר״ף.—געב. תּר״ט).

# דער לישקער עלוי.

דעם לישקער עלוים פאָטער האָט מיט זיין גאַנצער משפּחה אויסגעוואַנדערט מעבר לים. אַף דער זייט ים, אין דער אַלטער היים, האָט ער איבערגעלאָזן זיין איינציקן קליין אינגל און אים אָפּגעגעבן לערנען אין סלאָבאָדקער ישיבה.

אַ שיין, בלייכער אינגעלע מיט לאַנגע גרייזעלעך, שטילע פאַרוואונדערטע אויגן, אַ מאָגערינקער ווי אַ שטרויעלע, אַ פאַרחלשטער, — אַזוי האָט אויסגעזען דער לישקער, בעת ער איז צום נייען יאָר אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פון דער ישיבה. ניך האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז דער קליינער עלוי קען אויסווייניק אַלע דריי „בבאס” צוזאַמען מיט רש״י.

נייגעריקע האָבן זיך געוואָרפן אַפן עופל, חעלכער האָט געזאָגט אַף אויסווייניק ווי „אשרי”, וואו מען האָט אים נאָר אָנגעכאַפּט אין די דריי „בבאס” — די גמרא מיט רש״י.

דער לישקער לערנט בהתמדה אַ יאָר צייט, ווערט בקי אין „נזיקין„. עס געדויערט נים לאַנג און ער הויבט אָן לערנען בחברותא מיטן ראש־הישיבה. צו פערצן יאָר איז דער לישקער שוין בקי אין ש״ם און זיינע מפרשים.

אין יענער צייט איז אין ישיבה געקומען צוגאַסט דער גאון ר׳ זניע. האָט ער געזאָגט אַ „שיעור” פאַר די ישיבה־לייט. דער פערצן־יאָריקער עילוי האָט דעם גאון פאַרשאָטן מיט קשיות און

ארויסגעוויזן זיין אויסערגעוויינטלעכע בקיאות און חריפות. האט דער גאון זיך פאראינטערעסירט מיטן מערקווירדיקן עילו, פאר־בראכט א לייננערע צייט מיט אים אין לערנען, אים אויסגעפרעגט וועגן זיין לעבן און לסוף אים א פרעג געטאן:

— זאג מיר, קינד מיינס, ביזט דאך, ווי מען זעט, בקי אין גאנץ ש״ס!

— אין גאנץ ש״ס ניט — ענטפערט דער לישקער — נאר איז האלב ש״ס יא.

— אין וועלכן האלבן ש״ס? — פרעגט אים ר׳ זוניע.

— אין וועלכן איר ווילט!.. — ענטפערט אים דער לישקער מיט א שמייכל.

דער געזונטצושטאנד פון עלוי ווערט ערגער, זיין קליין פנימל ווערט בלאסער, די אויגן — שארפער. ער הערט אויף צו לערנען מיט דער פריערדיקער התמדה, און גיט זיך אפ אינגאנצן מיט מוסר.

— די תורה — זאגט דער לישקער קען איך שוין אינ־גאנצן, מוסר גארניט. מיין מוח איז שארף, אבער מיין הארץ איז טעמפ, ווען וועל איך עפעס טאן פאר זיך?

דער לישקער לערנט שוין מער קיין גמרא ניט. טעג, וואכן, חדשים פארגייען, און קיין גמרא אין האנט נעמט ער ניט. ער שוועבט ארום שטיל ווי אף פליגלען, פאמעלינקעס, אין פאליש פון דער ישיבה, פארטאן אין זיך, אינעווייניק — צו זיך איז ער פאר־גאנגען, רעדט מיט קיינעם מער קיין ווארט ניט, ער זונדערט זיך אפ פון אלעמען.

— איך האב פארשלאסן מיין מויל, האט זיך נעפענט מיין הארץ — אט דאס איז דאס איינציקע, וואס מען קען פון ליש־קער הערן, ווען מען שטייט צו אים שטארק צו.

איינמאָל נאָר אין א שמיטה כאַפּט ער זיך צו צום אלמער ספרים, ליגט פאַנאַנדער די גמרות אפן טיש, שפּאַרט אָן דעם פּנים אפן פויסט און דרעמלט איין. אזוי דרעמלט ער א פּאָר מעת לעת. ער שלאָפט, די אויגן זיינען צוגעמאכט. נאָר עפּעס וואַכט אין אים אינווייניק, עפּעס באַוועגט זיך אין אים. אָט אזוי א לאַנגע פּאָר מעת לעת. דאָס האָט דער לישקער דורכגעבלעטערט אין מוח גאַנץ ש״ס. ער איז אין געדאַנק דורכגעפלויגן ווי אף אן אעראָפּלאַן איבערן ים התלמוד, כדי בודק צו זיין, אויב ער האָט די תורה נים פארגעסן... און ער שוועבט שוין ווידער איבערן פּאָליש פון דער ישיבה, פארטראָגן אין זיך — העט־ווייט.

און עפּעס מאָדנע האָט זיך אָנגעהויבן צו פירן דער לישקער. עס טרעפט נעכט, ווען ער גייט נים אהיים אף זיין סטאַנציע שלאָפן. ער ציט זיך אוים אפן באַנק אין ישיבה און דרעמלט דאָרטן דורך די גאַנצע נאַכט. אף מאָרגן קוקן עפּעס אלע אף אים מאָדנע: די וועסטל האָט ער צוליב זיין צעשטרייטקייט אָנגעטאָן אפן רעקל, די מאנישקע האָט ער בכלל פארגעסן אָנצוטאָן — און אזוי שפּאַצירט ער ארום א גאַנצן טאָג מיטן וועסטל אפן אויבער־בגד, מיט אן אָפענער הארץ — פארטראַכט, פארחושט.

ער פארגעסט צו ניין אָנבייסן, נאָענטע מאכן אים אף דעם אויפמערקזאַם, אָבער דער לישקער ווייס נים וואָס מען וויל פון אים. אז מען שטייט צו אים שטארק צו, האָט ער שטארק פאראיבל:

— וואָס קוקט איר אזוי אף מיר? ווי מען וויל, קוקט מען, און ווי מען קוקט, אזוי זעט מען! וואָס דאהגט איר מער אפן „רבב שעל בגדיו״ (אפן פלעק וואָס אף מיין בגד), ווי אפן „רבב

שעל נפשי" (אפן פלעק וואָס אף מיין נשמה). וואָס איז די נפקא מינה, די וועסטל אויבן אָדער אונטן?

און דער לישקער פילפולט זיך און וואַרפט מיט גמרות, ראשונים און אחרונים און דרינגט חריפותדיק, אז עס איז קיין חילוק נישט, צי א מענטש גייט מיטן ראָק אויבן, און די קאַמזוילקע אונטן, אָדער פאַרקערט.

וואָס איז די נפקא־מינא, צו געגעסן פריער אָנבייסן און נאָכדעם מיטיק, און וואָס איז, אז מען עסט כלל קיין אָנבייסן ניט, וואָרעם וויסן דאַרף מען, אז אויב עס פעלט דיר, איז א סימן, אז עס פעלט אין דיר...

און עס גייען ווידער אוועק לאַנגע חדשים, און דער לישקער שווייגט. ער איז פאַרטאָן מיט זיך, אין זיך.

דער ראש ישיבה הויבט אָן מיט אים צו טענהגען און לערנען אים שטאַט. געפעלט עס אים ניט, וואָס אלע האָבן קיין אנדער ארבעט ניט, ווי נאָר צו קוקן אף אים און אים צו רו ניט צו לאָזן, און אין א מיטן מיטוואָך ווערט ער פאַרשוואונדן פון ישיבה.

וואו איז דער לישקער? וואו איז ער מיטאַמאָל נעבליבן?

אלע זיינען אופגערעקט. מ'שיקט בריוו אין אלע ישיבות, און אין קול ואין קשב.

עס גייען אַרום פאַרשידענע קלאַנגען. מען זאָגט אַרום פאַרשי־דענע השערות, און וואו דער לישקער איז אף אן אמתן, ווייס קיינער ניט. נאָר צופעליק דערוויסט מען זיך פון א ניי־אָנגעקו־מענעם בחור אין ישיבה, אז דער יונגער עילוי האָט זיך אַריבער־געקליבן צופוס פון סלאָבאָדקע אין מירער ישיבה. לאַנגע וואָכן האָט ער שפּאַצירט צופוס נאָך די שינעס פון אייזנבאַן, גענעכטיקט אין וואַלד, אמאָל בא א ישובניק, געהונגערט, זיך געשלעפּט אַזוי

פאַר חרשים. ביז ער איז אַנגעקומען אין דער מיר.

די מירער ישיבה האָט זיך דערפרייט מיט דער מציאה. מירער ישיבה איז געוואָרן שטאָלץ מיטן אבן־טוב, וואָס מען האָט אריינגעכאַפּט. מען האָט באַלד באַשטעלט פאַרן עלוי א נייעם שטענדער, געלאָזט נייען א נייעם מאַנטל, געדונגען פאַר אים א סטאַנציע — מען איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס דער לישקער עלוי באַזעצט זיך אין דער מיר.

לאַנג האַלט ניט אָן די שמחה. מען כאַפּט זיך פּלוצים, אַז דער לישקער איז ניט געוואָרן. מען זוכט אים — ניטאָ. ווייזט זיך אַרויס, אַז בעת זיין נעלם ווערן, האָט ער זיין נייעם מאַנטל פאַרזעצט אין גמ״ח (אין יעדער ישיבה איז געווען א גמילת חסד — א מין לאָמבאַרד פאַר אָרימע בחורים אף צו באַקומען הלוואות) — און מער גאָרנישט. ערשט אין א שטיק צייט אַרום דערוויסט מען זיך, אַז דער לישקער איז אַנגעקומען צופוס אין טעלז און זיך באַזעצט אין דער דאָרטיקער ישיבה.

און פון דעמאָלט הויבט זיך אָן דער לאַנגער נע־ונד פון עלוי. ער וואָגלט דורך צופוס אַלע ישיבות, ביז ער קערט זיך אום צוריק אין סלאָבאָדקע.

איצט איז ער שוין אינגאַנצן אַרויסגעטאָן פון אַלץ. ער וואַנדערט ווי אין עולם־התוהו. ער טענהט אַלץ. דער לישקער, אַז תורה קען ער שוין גענוג. איצט וויל ער זיך קענען, זיך פאַרשן, ווייל — אויב עס זיינען ניטאָ קיין שאלות, איז א סימן, אַז עס א טריפה קיך...

תורה און שכל — אָט דאָס איז אַן ענין.

מיט שכל — זאָגט דער לישקער — איז גרינג צו טאָן, עס איז אָבער גרינגער ניט צו טאָן. מיט תורה איז שווער צו טאָן, עס איז אָבער שווער ניט צו טאָן, מיט תורה און מיט שכל

איז גרינג צו טאָן און שווער ניט צו טאָן...

תורה און שכל — אָט דאָס באַגערט ער. תורה האָט ער, שכל פעלט אים.

איצט ווערט שוין דער לישקער נעלם אף א לייגגערע צייט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן אף יענער זייט ים צו זיינע עלטערן, נאָר דעם לישקער ציט צו זיין מקור. עפּנט זיך איינמאָל די טיר פון דער ישיבה, און דער לישקער איז ווידער דאָ.

שווער געווען אָבער אים צו דערקענען. דער קליינער פּנימל נאָכמער איינגעפאַלן, דער גופל אויסגעצערט, נאָר די אויגן זיינען גרעסער, שאַרפער געוואָרן — זיי ווילן עפּעס, זיי באַגערן עפּעס.

און א שטיקל צייט בלאָנדזשעט ווידער ארום דער לישקער אין פּאָליש פון דער ישיבה. און ווידער ווערט ער נעלם, איצט שוין אף תמיד.

דער לישקער איז אוועק איבער דער וועלט אָפּריכטן גלות.

---

# דער מונער.

דער מונער, א שוחטס א זון, איז געווען א קליין פאַר־במורעטער בחורל. אַן א טראָפּן בלוט אין די באַקן — הויט און ביין. קאַלטע, הונגעריקע אויגן האָבן שאַרף ארויסגעקוקט פון זיין פאַרצערטן פנים, ווי א פּאָר מעסערן — אַלץ האָט אין אים נע־טריקנט און געברענט.

אין ישיבה האָט מען אים געהאַלטן פאַר א פיינעם למדן און מוסרניק. מען האָט אָבער געוואוסט, אז ער האָט אין זיך היים רוצחישע בלוט — א ווילדער כעסן. צינדט זיך אָן ווי א שוועבעלע פון דאָס קלענסטע. עפּעס איז ער תמיד אויפגעבראַכט און ער זוכט נאָר א צוטשעפּעניש אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן, כדי אויסצולאָזן זיין משוגענעם גרימצאָרן — אַן אמתער גולן.

עס איז בין מנחה למעריב. ישיבה־בחורים שטויסן זיך רעדלעכווייז צווישן די ביינק און אין פּאָליש, מען האַלט זיך פאַר די לאַצן און מען „רעדט אין לערנען“.

דער מונער פרעגט א קשיא. א צווייטער ענטפערט אים א תירוץ. דער מונער פרעגט אים אָפּ. יענער ענטפערט ווידער, דער מונער פרעגט ווידער אָפּ, זוכט יענער צו פאַרענטפערן — און דער מונער איז שוין אָנגעצונדן, ברענט ווי א העליש פייער, און פּלוצים — א מוראָדיקער פּאַטש הילכט אָפּ איבער דער

גאַנצער ישיבה — דאָס האָט דער מונער מיט זײַן דאַרער, טרוקענער האַנט אַ פּאַטש געטאָן דעם בחור, וואָס האָט אים ווידערשפּעניקט מיט זײַנע תירוצים. דער בחור פאַלט פאַרבלוטיקטער. אָדער:

אין הויף פון ישיבה הערט זיך אַ גוואַלד. מען לויפט זיך צונויף. דער מונער שטייט מיט אַ שטעקן אין האַנט און מטיתט אַ קאַץ. די קאַץ גיט זיך אַ דריי, אַ מאַך מיט די פיסלעך — זי איז פאַרטיק!

אַזוינע מעשות זײַנען געווען ניט קיין זעלטנקייט.

נאָך אַזאַ מעשה פלעגט דער מונער אַרומגיין אַ דערשלאָגענער, אַ צעבראָכענער, פול מיט לײַדן, אינגאַנצן באַהערשט פון חרטה און תשובה. אַלץ אין אים האָט נעקלאָגט אף זײַן זינדיק בלוט.

און שפּעט אינדערנאַכט פלעגט אײַנזאַם פאַרברײַנגען דער מונער באַם מוסר־ספר. צערפול קלאָגן אף זײַן ווילדן גײַסט, ניסן טרערן שטיל, קלאָגן בלחש...

אַ געבראָכענער, נידעריקער פאַר אַ גראָז, אין שטילער אײַנזאַמקייט פלעגט אַרומבלאָנקענען דער מונער ווי אַ זינדיקע, פאַרבלאָנדזשעטע נשמה. לאַנגע וואָכן פלעגט ער פאַרגעסן דעם וועג אַהיים און זיך וועלגערן אין מוסר־שטיבל ווי אַן אָפּפאַל.

נאָר אָט האָט זײַן היים בלוט ווידער אָנגעהויבן צו זידן און זיך פונדאָסניי אופגעכאַפּט, און ווי איז געווען צו דעם, וואָס כאַפּט זיך אַרונטער אונטער דעם מונערס קאַלטער, טרוקענער האַנט!..

* * *

דעם מונער איז געוואָרן איינג אין סלאַבאָדקע. האָט ער באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך אַריבערקלײַבן אין דער מירער ישיבה.

דאָרטן איז די אָרדנונג אַ לייכטערע, דאָ וועט ער זײַן פרײַ. דאָ האָט ער געקענט חייזן אַף אַן אמתן זײַן קאַלטע, טרוקענע האַנט.

גאָר גיך האָט ער אָרגאַניזירט אַ „האָפקע" אין דער ישיבה, געפאָדערט, מען זאָל דערלויבן לערנען השכלה. מעגן לייענען ביכער — זײַן פרײַ.

אײנמאָל, ערבֿ שבת, האָט זיך אין ישיבה באַוויזן אַפן טיר אַ געשריבענער קול־קורא, וועלכער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן שווערן רעזשים אין ישיבה און געפאָדערט פרײַהײט.

וואָכנלאַנג פלעגט מען די ישיבה געפינען מיט אויסגעהאַק־טע שויבן, צעבראָכענע לאָמפּן און שטענדערס.

דאָס אַלץ פלעגט אָפּגעטאָן ווערן בײַנאַכט.

ווער עס זײַנען די שולדיקע — איז פאַר אַלעמען געווען אַ סוד.

זײַנען אָבער אין דער ישיבה געווען טרײַע אָנהײַנגער פון דער אַלטער אָרדנונג, וועלכער האָבן נענומען אויספאָרשן. וואו עס געפינט זיך דער נעסט פון די מורדים.

דער הויפּט פון די דאָזיקע „שפּיקעס" איז געווען אײנער אַ טשערניגאָווער בחור. אין אַ קורצער צײַט אַרום איז שוין פאַר קײנעם קײן סוד ניט געווען, אַז אין טשערניגאָווערס סטאַנציע האָט מען אינמיטן דער נאַכט אַרײַנגעוואָרפן דורכן פענצטער אַ גרויסן שטײן און געצילעוועט אין טשערניגאָווער, וועלכער איז על פּי צופאַל ניצול געוואָרן פון אומגליק.

נאָר אינגיכן איז מען געוואר געוואָרן, אַז פרײַטיק צונאַכט, בעת דער טשערניגאָווער איז געגאַנגען אין ישיבה פון עסן, האָט אים אימיצער, אַ פאַרקלײדעטער פאַרשוין, באַפאַלן אין דער פינצ־טער און אים געשלאָגן מכות־רצח.

דער סוד איז נאָכדעם אנטפּלעקט געוואָרן — דאָס איז געווען דעם מונערס אַרבעט.

דער שונא איז געוואָרן אויפגעדעקט, און אָן אָפענע מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. ראשית, האָט מען דעם מונער געלייגט אין חרם. אַלע קראָמען האָבן אים אויפגעהערט צו פאַרקויפן שפּייז. זיין סטאַנציע האָט מען אים אויך אָפּגענומען. אַרום ישיבה־בנין זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן שומרים.

אָבער דער מונער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן.

ער האָט זיך באַזעצט אַף סטאַנציע בא איינעם פון די משגיחים. דאָרטן האָט ער צוגלייך מיט אַלע הײמישע מענטשן אין שטוב זיך געזעצט צום טיש עסן — און טו אים עפּעס!

איז דאָס נאָך ווייניק, האָט געטראָפן אַזאַ זאַך:

איינמאָל, פאַר מעריב, זיינען פּלוצים דורך עמיצנס קאָמאַנ־דע אויסגעלאָשן געוואָרן אין ישיבה די לאָמפּן, די משגיחים זיינען אין דער פינצטערניש איבערפאַלן געוואָרן און מען האָט זיי געשלאָגן גאָר ניט אַף קאַטאָוועס.

איז די מלחמה שוין געוואָרן נאָך אָפענער. אַף מאָרגן פאַר מיטיק האָבן אין ישיבה זיך באַוויזן חברה קצבים, באַוואָפנט מיט שטעקנס און פּלעקער און איבערפאַלן די מורדים בראש מיט זייער אַטאַמאַן, דעם מונער. דער געשלעג איז געווען א הייסער און דער מונער האָט געוויזן וואָס ער קען.

שטענדערס זיינען געלאָזן געוואָרן אין קאַמף, טישן האָט מען געבראָכן, און ווער עס האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אונטערן מונערס קאַלטע האַנט, האָט פאַרזאָרגט א צענטן.

די קצבים האָבן די מלחמה פאַרשפּילט און אָפּגעטראָטן, וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט.

מען האָט גענומען שמועסן, אַז דער מונעי קליבט זיך אונטערצוצינדן די ישיבה.

לעבן ישיבה־בנין אין אַ שטאַל האָבן זיך געפונען פעסער קעראָסינע אָף צו באַליכטן באַנאַכט די ישיבה, און אין די דאָזיקע פעסער האָט דער מונער זיך געקליבן צו וואַרפן אַ שוועבעלע...

די לאַגע איז געוואָרן גאָר ערנסט. האָט מען געפּרוּווט מיטן מונער איינטענהן מיט גוטן, אָבער אומזיסט. זיינע אָנהייגער האָבן זיך שוין פון אים אָפּגעטרייסלט. אָבער דער מונער איז געבליבן דער איינציקער זעלנער אפן פעלד.

האָט מען לאַנג זיך מיט אים געטאַטערט, געפּראַוועט אַלע עצות און סוף כל סוף זיך אַן עצה געגעבן: אַ פּאָר קצבים זיינען אים באַנאַכט באַפאַלן אָף דער סטאַנציע, אים געבונדן און איבערנעוואַלד אַריינגעזעצט אים אין אַ פור, נאָכדעם אין באַן — און פּטור, ניטאָ מער דער מונער!..

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

און אין ציטן אַרום, ווען בחורים אין סלאָבאָדקע האָבן זיך פאַרטאָג געפּעדערט אין ישיבה, האָבן זיי לעבן טיר געפונען אַ לעבעדיקן מענטשן זיך וועלגערנדיק אפן דיל.

ער האָט זיך געוועלגערט לעבן שוועל. אינוויינים אין דער ישיבה, ווי אַ הויפן שטויב, וואָס יעדערער, וועך עס וויל קען עס טרעטן מיט די פיס.

אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט אין בליכן, אויסגעלאָשענעם פּנים האָט מען שווער געקענט דערקענען, אַז דאָס איז דער מונער...

# העניך טאַמבאָווער.

געווען איז העניך טאַמבאָווער א געזונט-רעמבענער בחור מיט א מגושמדיקן פנים. ווי געפורעמט פון איין שטיק פלייש, די האָר — שטעכיק, בלאָנד, דער נאָז — פול-פליישיק. זיין הלבשה איז אויך ניט געווען פון א ווייךענעם ישיבה-בחור. ער איז געווען אָנ־געטאָן סיי זומער, סיי ווינטער אין א פּאָר הויכע שטיוול, אין א היטל מיט א גלאַנציקן דאַשעק און אין א ריקן געוואַנטענעם בגד.

ביז פערצן יאָר איז העניך געווען א פּראָסטער יונג — א קירזנער — און קוים געקענט דורכשלאָמויזען א שטיקל חומש. נאָר מיט אמאָל האָט זיך אין אים דערוועקט א חשק צו תורה, איז ער נאָך אסך וואָגלענישן מגולגל געוואָרן אין סלאָבאָד־קע, זיך באַזעצט אין „כנסת ישראל" און זיך איבערגעגעבן בלב ונפש לערנען תורה...

ווען איר זייט נאָר נעקומען אין ישיבה, סיי באַטאָג, סיי באַנאַכט האָט איר אים געפונען שטייענדיק אין ווינקל, אין סאַמען עק פון מערב, מיטן קאָפּ צום וואַנט, די גמרא אָפן שטענדער, באַנאַכט — א ליכטל אין האַנט, פאַרטיפט מיט א פרייליכן ניגון אין דער גמרא.

און אזוי יאָר־איין, יאָר־אויס. ער האָט זיך אזוי צונויפגע־וואַקסן מיט זיין אָרט, אז מען האָט שוין אף אים אויפגעהערט צו קוקן, ווי אף א לעבדיקע זאַך, נאָר ווי אף א חפץ.... אָט ווי

עס איז נאַטירלעך געווען, אַז דער אַלמער איז תמיד געשטאַנען אין איין ווינקל פון פאַליש. אַזוי איז געווען נאַטירלעך, אַז פון דער אַנדער זייט געפינט זיך א שטענדער. און לעבן אים הענעך טאַמבאַווער.

ער איז געוואָרן א טונקעלער פלעק, וואָס געפינט זיך אין סאַמען עק פון מערב־וואַנט...

נים איינמאָל האָט זיך בא אים דער ראש הישיבה געבעטן, ער זאָל זיך אביסל אָפּרוען און מפסיק זיין פון לערנען. הענעך טאַמבאַווער פלעגט פאַרחידושט קוועטשן מיט די פּלייצעס:

— רבי, איז דען מעגלעך, אַז פון תורה זאָל מען מיד ווערן? איז דען מעגלעך, אַז איטיצער זאָל מיד ווערן ציילנדיק געלט...

אין די ערשטע יאָרן, ווען הענעך איז נאָך געווען א קנאַפּער למדן, פלעגט ער פאַרמאַטערן יעדן בחור אין ישיבה. שטענדיק פלעגט מען אים זען, ווי ער לויפט פון איין שטענדער צום אַנדערן, פון איין ישיבה־טאַן צום צווייטן און פרעגט, וואָס אים איז קשה אין דער גמרא.

און הענעך טאַמבאַווער פלעגט זיך נים שעמען און פרעגן באַם קלענסטן אינגל אין ישיבה. אים האָט נים געאַרט, וואָס יענער איז אים מבייש. וואָס יענער שרייט: „בור, עם־הארץ, עס איז דאָך גאַר פשוט, פאַרטייטש פשוט דעם פירוש המילות! — ביזט דאָך א פויער!" — גאָרניט! הענעכן האָט דאָס נישט געקימערט, נאָך אמאָל איבערפרעגן און ווידער איבערפרעגן, ביז ער פלעגט זיך דערשלאָגן דאָס זייניקע.

און פלעגט טרעפן אמאָל, אַז הענעך האָט שוין זיין רבין פאַר־מאַטערט אַזוי, אַז יענעם שלאָגט שוין ביז שווייס, פלעגט ער זיך אָנהויבן בעטן רחמנותדיק:

— וואָס בין איך שולדיק, וואס איך האָב א פּראָסטע קאָפּ,

אז ביז פערצן יאָר האָב איך געלעבט אין א גויאישער שטאָט, טאַמבאָוו, און מײנע עלטערן האָבן מיר נישט געגעבן לערנען, וואָס בין איך שולדיק?

און אין א ווײלע ארום האָט מען אים שוין געזען, ווי ער שלאָגט ארום ביז שווײס א צווײטן בחור און פרעגט עפּעס ווידער וועגן א קשהדיקן אָרט אין דער גמרא. קײן זאַך האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן ביז ער איז דערגאַנגען דעם פּשט אף אן אמתן — פלעגט ער זיצן אף אײן שטיקל גמרא טאָג און נאַכט, גאַנצע מעת לעתן, ביז עס זײנען אים אלע מטושטשדיקע ערטער אין דער גמרא קלאָר געוואָרן.

און נישט נאָר האָט ער זיך נישט געשעמט אויב מען האָט אים מבײש געווען פאַר זײן עם־הארצות, נאָר ער פלעגט קומען צו א בחור און זאָגן:

— קלער מיר אוף דעם פּשט פון א „תוספת", איז מובילנא לך מאני לבי מסותא — וועל איך די קלײדער נאָכ־טראָגן אין באָד, אבי גיב מיר צו פאַרשטײן אָט דעם שווערן אָרט!

און העניך פלעגט מקײם זײן זײן וואָרט:

פלעגט אימיצער פון זײנע רבײם, אָדער אַזוי אן אָרימער ישיבה־מאַן, דארפן זיך אריבערקלײבן פון אײן סטאַנציע אין דער אנדערער, פלעגט איך העניך אריבערטראָגן זײנע זאַכן, פלעגט אימיצער דארפן אָפּנעמען א פּאַסילקע אין שטאָט, אָדער אן אַנדער שליחות — פלעגט ער זיך ארויסכאַפּן, און זײן איבערגליקלעך, וואָס ער קען באַדינען א תלמיד־חכם.

אז העניך טאַמבאַווער האָט שוין געהאַט דערגרײכט א הויכע מדרגה אין לערנען, איז ער געבליבן א מכיר־טובה פאַר זײנע אַמאָליקע „זינד" — ארומגײן צווישן די שוואַכערע יונגע לערנער און זיך נאָכגעפרעגן בא זײ אפשר איז זײ עפּעס קשה, וועט ער

זיי מסביר זיין. מיט אָרימע ישיבה־אינגלעך פלעגט הענעך זיך אַרויסרופן צו לערנען מיט זיי און זיי צו העלפן מיט וואָס ער קען. מיט דער צייט איז הענעך שוין געווען אַרומגערינגלט טאָג און נאַכט מיט גאַנצע מחנות בחורים און רוזיק, געלאַסן, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גערולד זיך אָפּגעבן, און יעדן איינציקן לערנען, מסביר זיין אַזוי קלאָר, אַז יעדער קינד האָט אים געקענט פאַרשטיין.

און וואָס מער ער איז געוואַקסן אין תורה, אַלץ מער איז ער געוואַקסן אין התמדה. אין משך פון יאָרן האָט זיך אַפילו זיין אויסזען געביטן, און זיין פנים האָט עדות געזאָגט. אַז הענעך איז אַ צנא מלא ספרא, אַז הענעך איז מלא וגדוש, אָנגעפּראָפּט מיט תורה.

דער ראש־הישיבה האָט אים געשטעלט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע, צוואַוויין וואָס רצון קען. רצון קען אפילו איבעראַנדערשן דעם אויסזען פון מענטשן. חכמת אדם תאיר פניו — פלעגט מיט צופרידנקייט זאָגן דער ראש־ישיבה, ריידנדיק וועגן הענעכן.

אַלע זיינען געווען מיט׳ן מתמיד צופרידן אַחוץ דער אַלטער. מחמת הענעך, ניט קוקנדיק אויף אַלע זיינע מעלות האָט קיין מוסר ניט געלערנט.

— אַן עבירה די צייט האָט ער געטענהט — ניטאָ קיין בעסערע זאַך ווי תורה, ניטאָ קיין צייט!

— לערן מוסר — האָט דער אַלטער זיך בײַ אים גע־בעטן — וועסטו זען, אַז דו האָסט צייט!..

הענעך איז אָבער געבליבן בײַ דאָס זייניקע: ניטאָ קיין צייט.

האָט דער אַלטער געטענהט: וואָס העלפן אַלע דיינע נצחונות, אַז דער וואָרצל פעלט, מוסר האָסטו פיינט. האָב האַלט אַ פריינט אין געשטאַלט פון אַ פיינט. שבט מוסר ירחיקנו, ווען

מוסר איז אַ רוט, דערווייטערט עס פון שלעכטס, אָבער אַז מ'גיט דיר א רוט, שמייסטו יענעם, ניט זיך...

נאָר אָט איז געקומען די צייט, ווען הענעך האָט זיך גע־דארפט שטעלן צום פריזיוו. מ'האָט אים אָפּגענעבן פאַר א סאָל־דאט. הענעך האָט קיין חשק ניט געהאט צו דינען דעם צאַר, איז ער אַנטלאָפן קיין אמעריקע.

אין דער ישיבה איז געוואָרן שטיל. אויסגעלאָשן געוואָרן דער נר־תמיד...

* * *

און היינט, ווען איר שפּאַצירט אויף די פינפטע עוועניו אין ניו־יאָרק און איר זעט דאָרט גרויסע וואַרנהייזער פון וועש, שטאַמט עס פון געוועזענעם סלאָבאָדקער מתמיד — הענעך טאמבאָווער. איר וועט זיך וואונדערן, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך פאר אַזא קורצע צייט צוקומען צו אַזוינע ריזן־געשעפטן, צו וואָלקנקראַצערס, וואָס אפילו אין אמעריקע זיינען זיי א זעלטנ־קייט, וואונדערט זיך ניט. הענעכס טאמבאָווער התמדה אין סלאָ־באָדקע האָט געוויזן גרעסערע וואונדער.

אז מ'האָט דעם אלטן דערציילט וועגן הענעך טאמבאָווערס עשירות אין אמעריקע, האט ער אזוי געטאָן זאָגן:

— ווייט רואיק, קינדער, ווען דער איצטיקער אמעריקאַנער מאגנאט, רוט זיך אָפּ נאָכן שווערן טאָג ארבעט אויף זיינע ווייכע פאטעלן, אין די גערוימע זאַלן, פארגאָסן מיט שיין און ליכט. זייט רואיק, קינדער, אז ער פארטראַכט זיך דעמאָלט און בענקט נאָך די חלבנע ליכטל אין סלאָבאָדקער ישיבה...

---

# נפתלי דער משכיל.

געווען איז נפתלי דער משכיל א בחור א קורצער, א ריי־קער, מיט א קאָפּ צעשויבערטע האָר, א פרישער פּנים מיט תמימות־פולע, לויטערע אויגן.

אין דער ישיבה איז השכלה געווען טריף־פּסול.

אין ישיבה פלעגט מען זיך וויצלען: א סלאַבאָדקער ישיבה־בחור קען חומש און תנ״ך פון גמרא, און גמרא — פון „קצות־החושן..."

און פונדעסטוועגן איז נפתלי געווען א צנא מלא ספרא אין בילדונג.

זיין בילדונג האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען א צופאַל:

דער מנהג איז געווען אין ישיבה, אז ווען אימיצער פון די בחורים איז פאַרשלאָפט געוואָרן פון אסך לערנען, אָדער אזוי א חלוש, האָט אים די ישיבה געשיקט אף אירע הוצאות וומער אף דאַטשע. מאַכט זיך א מעשה, אז נפתלי ווערט שטאַרק שלאַף פון אסך לערנען, און דאָקטוירים פאַראָרדנען אים רו און גוטע לופט.

פאָרט נפתלי זומער אף דאַטשע.

לערנען האָבן אים די דאָקטוירים פאַרווערט, און וואָס איז

אייגנטלעך פאר אזא בחור, ווי נפתלי, ארומצוגיין פוסט און פאס? האָט פאר א תענוג: און אָפּרו קען זיין פאר אזא בן־תורה, ווי נפתלי, ארומצושלעפּן זיך גאנצע טעג, און ניט טאָרן אפילו אריינקוקן אין א ספר? — האָט נפתלי ארומגעבלאָנדזשעט אף דאַטשע א דערשלאָגענער.

„הבטלה מביאה לידי שעמום" — דאָס ליידיק ארומגיין ברייגנט צו אומעט, און וואָס איז דער נוצן פון גוט עסן און פרייע לופט, אז די נשמה באנגערט מיט עפּעס די צייט צו פאר־טרייבן!

דארף זיך נראַר אף דאטשע געפינען א העברייאישער לע־רער, א געוועזענער ישיבה בחור, וועלכער איז ארוים לתרבות־רעה. ווי געוויינלעך א „שנה ופירשניק", וויל ער אויך אנדערן מזכה זיין מיט השכלה, דער עיקר ישיבה בחורים, באקענט ער זיך מיט נפתלין און רוקט אים אונטער א העברייאישן ביכל.

אין אַן אנדער צייט וואָלט נפתלי אזא בוך ניט געלייענט, אָבער צוליב צייט־פארטרייב, צוליב רפואה, איז עפּעס אנדערש.

און האָט נפתלי דורכגעלייענט דעם בוך, האָט ער שוין געלייענט אנדערע ביכער.

דער אַלטער משגיח, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען געוואָר ווערן זיינע תלמידים אף דאַטשע, האָט געוואוסט, אז נפתלי לייענט „וויטיקע ביכער". האָט ער נפתלין אויסגערעדט — אזוי זיך, פון יוצא וועגן, מן השפה ולחוץ, כדי צו ווייזן, אז ער איז דאָס ניט גורם, הגם ער פארשטייט, אז נפתלי לייענט לייכטע ביכער, כדי די צייט צו פארטרייבן, אָבער א סך גלייכער איז זיך צו דערווייטערן פון דעם.

אז דער דאַטשע־סעזאָן האָט זיך געענדיקט, און אז נפתלי האָט זיך צוריקגעקערט אין ישיבה, האָט ער ווייטער געלייענט

ביכער. ער האָט זיך שוין פון דעם ניט געקענט אָפּרייסן, אָט אזוי, ווי א שכור פון גלעזל... אלע האָבן שוין אין ישיבה גע־וואוסט, אז נפתלי איז געכאַפּט אין דער מעשה. דער אלטער האָט שארף אויסגערעדט נפתלין. עס איז אָבער שוין געווען א פאַרפאַלטנע זאַך.

נפתלי האָט זיך געהאלטן בא דאס זייניקע: צו פּרוסקייט שטערט עס אים ניט — ער דאַוונט און לערנט ווי פריער, איז ווען ארט עס, וואָס ער קערנט אָפּ עטלעכע שעה פון זיין שלאָף און לערנט השכלה?

און טאַקע אזוי: נפתלי איז געבליבן דער זעלבער מוסרניק, ווי געווען, הגם עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אז ער איז מלא וגדוש אין בילדונג.

אלע האָבן געוואוסט, אז נפתלי איז א זעלטענער בעל־סגנון אין העברייאיש, שרייבט העברייאישע שירים להפליא, און מען האָט אים אין ישיבה גערופן מיטן נאָמען „נפתלי דער משכיל."

האָט עמיצער פון די ישיבה־לייט געדאַרפט אָנשרייבן א שיינעם בריוו אין העברייאיש, האָט ער זיך געווענדעט צו נפתלין, האָט עמיצער געוואָלט שיינקען וועמען ניט איז א ספר און אָנ־שרייבן א „לזכרון" אין חרוזים — קען מען עס באַקומען בא נפתלין, דאַרף עמיצער א שיינעם טעקסט פאַר א מצבה — דאַרף מען עס ווידער בעטן נפתלין.

זיינע שירים האָבן זיך שטאַרק קונה־שם געווען, און דער עולם האָט זיך נאָר ניט געקענט אָנזעטיקן פון זייער שיינקייט.

קוקנדיק אַף נפתלים נצחונות, האָבן ישיבה־בחורים זיך גע־נומען צו השכלה. עס איז געוואָרן א יאָגעריי נאָך ביכער. א מין קנאת סופרים.

דער אלטער האָט זיך גענומען מיט אלע וואָפן באקעמפן דאָס יאָגעניש נאָך ביכער.

פלעגן ישיבה־בחורים פאראיבל האָבן:

— סטײטש, רבי, הלמאי נפתלי דער משכיל? וואָס שאדט עס? — מען קען זײן א פרומער איד און א משכיל!

דער אלטער האָט זיך געהאַט זײנע טענות און ער האָט אזוי געזאָגט:

— אין „שיר השירים" שטײט: „שועלים קטנים מחבלים כרמים" — קלײנע פיקסעלעך פארדאַרבן װײנגערטנער. וואָס איז די נפקא מינה, ווער עס פארדארבט דעם װײנגאָרטן — דער גרויסער פוקס אָדער דער קלײנער פיקסל? — דער תירוץ איז, אז דער גרויסער פוקס פארדארבט גאָרניט דעם װײנגאָרטן. פארוואָס? — ווײל דער גרויסער פוקס עסט נאָר אויף דעם װײנטרויב, און מער גאָרניט. דער קלײנער פיקסל אָבער, קען ניט פאַנאַנדערקלײבן צווישן װײנטרויבן און צווײג, און ער רײסט אָפּ דעם צווײג, מײנענדיק, אז דאָס איז דער װײנטרויב, און אין פועל יוצא פאַר־דארבט ער דעם װײנגאָרטן.

דאָס זעלבע איז אויך מיט נפתלין און אנדערע ישיבה־לײט. נפתלי איז דער אמתער משכיל און ער עסט נאָר אויף די װײנ־טרויבן, אנדערע אָבער, וועלן פאַרבײטן דעם װײנטרויב מיטן צווײגל און װעלן פאַרדארבן דעם װײנגאָרטן...

אָדער פלעגט זאָגן דער אלטער: גרויסע שטרויסן עסן גלאָז. זײ טײלן אויס באַם עסן דאָס גוטע פון דאָס שלעכטע, די קלײנע שטרויסלעך, וועלכע ווילן זײ נאָכטאָן, צעשנײדן זיך אָף טויט...

האָט דער אלטער אָנגענומען שטרענגע מיטלען קעגן דער השכלה־באַוועגונג אין ישיבה, און, אז דער אלטער האָט ניט גע־וואָלט, האָט קײן זאַך ניט געהאָלפן.

געטשעפּעט האָט ער, אָבער, ווייניק נפתּלין.

דער אַלטער האָט געפילט, אַז בּאַ נפתּלין איז השכלה און רער חשק צו שרייבּן שירים אַן אינווייניקסטע הצטרכות, א טייל פון זיין מהות, פון זיין איך — אַט דאָס איז נפתּלי. בּאַ אַנדערע, אָבער, איז עס מער אַן אויסווייניקסטע זאַך. עס איז מער שאָלעכץ, קליפה — גלאַנץ.

אַנ—סקי האָט אַמאָל בּאַזוכט די ישיבה. ער איז געקומען זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר זיינע פאָלקס־מעשׂות, ניגונים, אַלטער־טימלעכקייטן.

האָט אַנ—סקי זיך דערוואוסט פון אייגנאַרטיקן ישיבה־בּחורשן דיכטער. און נאָך אַסך טענות ומענות האָט ער בּאַ נפתּלין גע־פועלט ער זאָל אים ווייזן זיינע שירים. איין תּנאי האָט אָבער נפתּלי מיט אים אויסגערעדט: ער מאָר פון זיין קיין קאָפּיע ניט אַראָפּנעמען, ער מאָר זיי ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכן. ער שרייבּט עס פאַר קיינעם ניט. ער שרייבּט עס פאַר זיך. אגב זיינען זיינע שירים נאָך ניט רייף. דערווייל איז נאָך פרי.

אַנ—סקי איז פון נפלתים שירים געווען אין גרוים התפּעלות. דרוקן האָט, אָבער, דער מחבר פאָרט ניט דערלויבּט.

דער אַלטער איז געווען צופרידן: ער איז געווען גערעכט, וואָס ער האָט קיינעם ניט געלאָזט לערנען השכלה. און אַף נפתּלין האָט ער ניט שטאַרק מדקדק געווען. נפתּלי איז א יוצא מן הכלל. נפתּלי איז א מין ר' יהודה הלוי. ער איז א פרומער איד און דערצו א פּייטן.

אַלע האָבּן עס פאַרשטאַנען און געווען שטאָלץ מיטן גרויסן ישיבה־בּחורשן דיכטער, וועלכער פלעגט אויך וויטער אָפּרייסן שעהן פון זיין שלאָף און שרייבּן שירים.

דער פריציטיקער טויט האָט דעם יונגען משורר אָפּגעריסן פון זיינע בעסטע יאָרן. די פרומע אידן האָבן פון אים געירשנט א הימן און איניקע תהילים־לידער, וועלכע זיינען בעל־פה פארשפרייט צווישן פאָלק.

---

# אורי־גדליה טעלזער.

אורי־גדליה טעלזער האָט מען אים גערופֿן.

געווען איז ער אַ הויכער, אַ דאַרער. זיין פֿאַרכמורעטער, טונקעלער שטערן האָט זיך ווי אַ וואָלקן געשפּרייט איבער זיין אויסגעייאושעטעם פּנים. לאַנגע, שוואַרצע געשליינגלטע האָר האָבן ווי צעשראָקענע שאָטנס געבלאָנדזשעט איבער זיין קאָפּ.

ער האָט קיינמאָל ניט געלערנט, נאָר תּמיד געווען פֿאַר־טאָן אין זיך, אין מוסר־געדאַנקען, אין ביטול־היש, אין כּפירת האדם.

וואָס איז דעם מענטשנס ציל אויף דער וועלט? וואָס איז דער געדאַנק פֿון מענטשנס לעבן?

דעם ציל פֿון מענטשנס לעבן האָט אורי־גדליה פֿאַרשטאַ־נען אין שבירת־הרצון, אין צוריקגעהאַלטנקייט, אין נזירות — אין דעם האָט ער זיך פֿאַרפֿולקומט ביז דאָס לעצט.

אָבער אים איז אַלץ ווייניק געווען. און טאָג און נאַכט איז זיין מוח געווען באַשעפֿטיקט אין אויסלייטערן אין זיך יעדן רמז פֿון מחשבות־זרות, אין דערגרייכן שלמות פֿון זעלבסטבאַהערשונג.

זיינע באַליבטסטע ווערטלעך, וועלכע ער פֿלעגט אַלע ווײַלע מחדש זיין, זיינען געווען:

„ווי גרויס איז דער ים, ווי קליין איז מיין קרינגעלע!" (ווי

גרוים איז דער ים פון מצוות און מעשים טובים. און ווי קליין איז דעם מענטשנס קריגעלע עס אויסצושעפּן).

„נישטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכענע האַרץ.“

„דיר איז געוואָרן גראַס, אַ סימן, אַז דו ביסט אַראָפּ פון וועג.“

„אַז מען וויל געבן אַ גוטע מאָס, דאַרף מען אַריבערגיסן.“

„אין קיין זאַך בין איך ניט אַזוי זיכער אין לשמה, ווי אין שבירת־הרצון.“

„פּטור ביומו, אַ נפטר בלייבסטו.“

„משיב הרוח ומוריד הגשם, אַז מען בלאָזט פאַנאַנדער דעם גייסט, ווערט צונישט די גשמיות.“

„ווען מ'זאָל מיר אפילו געבן פאַר אַ מצוה גיהינום, און פאַר אַן עבירה גן־עדן, וואָלט איך אַלץ געטאָן מצוות“

די אַלע ווערטלעך זיינע פלעגט ער פאַנאַנדערטייטשן, בויען אויף זיי בערג מיט געדאַנקען, וועלכע האָבן תמיד געדאַרפט ווייזן, אַז דער עיקר איז באַם מענטשן גייסט. וואָס מער דער גייסט וואַקסט זיך פאַנאַנדער, אַלץ מער באַפרייט זיך דער מענטש פון זיינע קיימן — פון קערפּער.

אָבער נישט נאָר זיך האָט ער געוואָלט ברענגען צו שלמות. נאָר אין דער זעלבער מאָס ווי זיך, אויך אַנדערע. טאָג־טעגלעך פלעגט אורי־גדליה זאָגן פאַר די ישיבה־לייט אַ „חיזוק“. (חיזוקים זאָגט מען אין אַלע מוסר־ישיבות). ער האָט אַלעמען איינגעטיילט אין כתות, און אין ישיבה־שמיבל זאָגן דעם „חיזוק“, וועלכער פלעגט באַשטיין פון די געדאַנקען און רעיונות, וואָס ער פלעגט צוטראַכטן. פאַר די כתות פלעגט ער עס פאַנאַנערקלייבן און פאַרטייטשן.

און אַ גרויסן כח האָט אורי־גדליה פאַרמאָגט. זיינע רייד

פלעגן מאכן א רושם. פלעגט א גרויסער טייל ישיבה־לייט זיך געפינען אונטער זיין השפעה.

און נאָך אן ארבעט האָט ער געהאַט: ער פלעגט זאָגן דעם „משכיל״ (אויב עס פלעגט טרעפן עפּעס א צרה בײַ פרומע אידן, פלעגן זיי אריינשיקן טעלעכע רובל, א נדבה פאַר דער ישיבה, מען זאָל זאָגן תהילים. נאָך מעריב פלעגן אַלע ישיבה־בחורים זאָגן דעם קאַפּיטל „משכיל לדוד בהיותו במערה תפלה,״ איינער זאָגט פאַר א פּסוק, און דער עולם זאָגט נאָך). ער פלעגט עס פאַרזאָגן מיט אזא התהלבותדיקן געזאַמער, ווי ער וואָלט באַוויינט זיין נאָענסטן, זיין טײַערסטן.

נאָך אזא אויסלאַדונג פון צער, פלעגט ער זיך פילן עפּעס לײַכטער, אביסל באַפרידיקטער.

באַזונדערש פלעגט אורי־גדליה זיך דערפילן אופגעלייגט אין די אלול־טעג, ווען דער עולם פלעגט זיך נעמען גרייטן צום יום־הדין.

די גאַנצע ישיבה פלעגט דעמאָלט אויסזען ווי א באַלאַגערטע פעסטונג פון פיינט. אַלע שטריינגען אָן די לעצטע כחות, כדי אָפּצושלאָגן די שונאים, וואָס לאָקערן פון אַלע זייטן. אין די די ראַזיקע טעג פלעגט אורי־גדליה טעלזער אינגאַנצן זיך אויסטאָן פון זיך און זיך אריבערהויבן ערגעץ אנדערשוואו.

אין דער ישיבה פלעגט מען אים שוין ניט זען. פאַרזונקען אין מחשבות, פלעגט ער זיצן בײַ זיך אין זיין חדר מיוחד — שטום. ער פלעגט דעם גאַנצן חודש שוין ניט ריידן.

אָפּטמאָל פלעגט ער זיך אוועקלאָזן אין וועלדל הינטערן שטאָט, פאַרגעסנדיק אַלץ און אַלעמען און דאָרטן פאַרברענגען א גאַנצן טאָג און א שטיק נאַכט.

עס פלעגט פּאַסירן, אז ער פלעגט אַרוים פון די כלים און

דאָרטן בלײבן א פּאָר מעת לעת נאָכאנאנד. און ערשט באַני־
נען זיך באַווײזן אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ פרעמדער אף די שטעטל־
דיקע נעסלעך.

* * *

אורי־גדליה האָט זיך די לעצטע צײט אָנגעהויבן צופילן
ניט גוט. סלאָבאָדקער „מוסר" האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט.
סלאָבאָדקע האַלט פון „רוממות האדם." דער מענטש איז
גרויס, דער מענטש איז א מלאך, דער מענטש איז העכער פאַר
אַ מלאך, והראיה, אַ מענטש קען ווערן העכער ווי ער איז, און
אַ מלאך נישט. און אורי־גדליה האַלט, אז אַ מענטש דאַרף זײן
אַ מענטש, וואָרעם אַ מענטש, וואָס וויל ווערן העכער ווי אַ מלאך,
איז קײן מענטש אויך ניט. אורי־גדליה האָט אָנגעהויבן צו לײקע־
נען אין מענטש. כפירת האדם. דער מענטש טאָר זיך ניט
גלויבן. גלויב אין גאָט, און לײקן אין מענטש. מענטשן ווילן זײן
א חוקר אין בורא, און א מאמין אין זיך, און אורי־גדליה האָט
געהאַלטן, אַז מען דאַרף גלויבן אין גאָט, און לײקענען אין מענטשן...
ווי באַלד אזוי — האָט זיך אורי־גדליה געכאַפּט — האָט
ער אין סלאָבאָדקע ניט וואָס צו טאָן. דעמאָלט דאַרף ער פאָרן
צו די נאָוואראָדקער, צו ר' יויזלען.
דאָ אין נאָוואַרעדאָק האָט אורי־גדליה געפונען אַ גרויסע
פעלד פון אַרבעט פאַר זיך. דאָ האָט ער געפונען אַסך אַרבעט
אַף דער „בירזשע", וואו אַזנטצײט פלעגן זיך פאַרקלײבן אין אַ
צעבראָכענער חורבה הינטערן שטאָט די בעסטע מוסרניקעס און
זיך דאָ פאַרנעמען מיט מוסר־משא־ומתן. דאָ אַף דער „בירזשע"
פלעגט פאָרקומען דער אויסבײט פון מוסר־מינוגגען, שאלות
ותשובות. דאָ קאָטירט זיך מוסר אַף פאַרשײדענע אופנים, אָט
אַזוי ווי אַף דער אײראָפּײאישער בירזשע דאָלאַרן און פונטן.

דאָ אין נאָוואַרעדעק האָט אורי־גדליה פאַרבראַכט אָפּט אין התבודדות אין דער בײדל אין וואַלד, ווײט־ווײט פון שטאָט. וואו עכטע מוסרניקעס פאַרקלײבן זיך אײנציקווײז און פאַרברײנגען דאָ גאַנצע נעכט אין חשבון־הנפש. דאָ האָט אורי־גדליה זיך דערפילט ווי אַ פיש אין זײן הײמישן וואַסער.

כדי זיך צואיבערצײגן אַף ווי ווײט זײן אײגענער איך איז בײ אים שוין פאַלײקנט, ווי ווײט כפירת האדם איז שוין בײ אים פאַרפולקומט, האָט אורי־גדליה, ווי דער שטײגער איז, זיך גענומען פרואוון, נענומען מאַכן מאַנעווערס מיט זיך.

געווען איז דאָס פורים. ווי דער מנהג, האָבן ישיבה לײט זיך משמח געווען. געווען מבוסמדיק און געטאַנצט אַ „האָמאַלינע“ און אַ „שער“ (ישיבה־בחורשע טענץ), געהאַלטן לצנותדיקע דרשות און געזונגען ניגונים.

אורי-גדליה איז געשטאַנען אַ פאַרחושטער אַף אײן אָרט און עפּעס געטראַכט.

פּלוצים האָט ער זיך אַרויסגעדרײט פון דער ישיבה, און אין אַ ווײלע אַרום האָט מען אים געזען אַרומבלאָנדזשענדיק איבער די גאַסן מיט אַ בעזים אין האַנט. רעדלעך קינדער זײנען אים נאָכגעלאָפן, און אורי־גדליה, ווי ניט אים מײנט מען דאָס, שפּאַצירט זיך פּאַמעלעך איבער די גאַסן — אַ בלײכער, אַ פאַרטראַכטער. אַף אַלע געלעכטערס און שטעכווערטלעך, ענטפערט ער ניט. ער פאַרנעמט זיך אַף דער הויפּט־גאַס, גײט אַרײן צו אַ באַקאַנטן באַלעבאָס אין שטעטל, וואו עס געפינט זיך אַ פורימדיקער, פרײלעכער עולם צו דער סעודה. ער רופט אַרויס דעם באַלעבאָס און גיט אים איבער דעם בעזים.

— וואָס עפּעס פּלוצים אינמיטן דרינען אַ בעזים?

— דאס האָב איך געבראַכט שלח־מנות! — ענטפערט רואיק אורי־גדליה.

דער חשובער באַלעבאָס איז אים מכבד מיט א הילכיקן פּאַטש.

— א דאנק! — ענטפערט אָפּ צופרידן אורי־גדליה און גייט זיך פּאַמעלעך אַוועק.

איז שוין אורי־גדליה אָפּגעקומען פאר זיינע זינד און זיך אויסגעפּרואווט אף ווי חייט זיין איך שוין בטל. וויבאַלד אזוי, וויבאַלד זיין איך איז שוין צונישט, קען מען זיך נעמען צו מעשים טובים, טאָן גוטס.

און נאָך א פּאָר מאָל האָט זיך געפּרואווט אורי־גדליה.

איינמאָל, אין א קאלטן ווינטער־טאָג, האָט מען געפונען אורי־גדליהן זיצנדיק אינמיטן נאָס קערנדיק דעם שניי.

אן עולם האָט זיך אַרום אים צונויפגעקליבן, געלאַכט, גע־חוזקט פון אים, און אורי־גדליה האָט מיט גרוים הנאה זיך ווייטער געטאָן זיין אַרבעט און געחזרט:

— וואָס מיינט איר, איך בין געקומען אפן יאריד נאָר עסן א גוטן מיטיק!..

*  *  *

פון דער שטענדיקער נזירות איז אורי־גדלים געוונטצושטאנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן ביז דאָס לעצט. דאָקטוירים האָבן אים פאַר־אָרדנט פיזישע אַרבעט און פרייע באַוועגונגען. האָט אורי־גדליה לאַנג געקלערט וואָס פאר אַן אַרבעט אויסצוקלייבן, מיט וואָס פאר אן אַרבעט זיך צו פאַרנעמען. איז ער סוף כל סוף געפאַלן אף א נוצטע המצאה: ער וועט זעגן און האקן האָלץ. ניט סתם אין

דער װעלט אריין, נאָר אופטאָן עפּעס אויך. ער װײסט זעגן און האַקן האָלץ פאַר אָרימע — אומזיסט. האָט זיך דער טעלזער גענומען צו דער אַרבעט, איינגעקויפט אַ זעג און האַק און אָנ־געהויבן באַזאָרגן מיט געהאַקטע האָלץ אָרימע און גוטפּאַדער־פטיקע. אונטערגעהאָלפן אפילו פאַרהייצן דעם אויװן, אונטערטראָגן אַן ארימער אלמנה א קערבל אַפּן מאַרק. און פאַר אַן אָרימער קרעמערקע — א קעסטל סחורה אָפּנעמען פון באַן.

אורי־גרליהן האָט קיין אַרבעט אין שטעטל ניט געפעלט.

---

# דער קאָילנער.

דער קאָילנער איז געווען אפארחושטער, פארשמייעטער בחור. דער קאפעליוש תמיד פאַרוואָרפן אפן פאטילניצע, מיט אן אָפן מויל און פארחדושטע אויגן — שטענדיק פארחושט.

שווער געווען צו זאָגן, וואו עס איז דעם קאָילנערס אָרט אין ישיבה. ער איז געווען פול און צעטראָגן אומעטום — דאָ אויבנאָן, דאָ אין פּאָליש, און אין א ווינקל ארום — ערגעץ אנדערשוואו.

דאָס רוב צייט, אָבער, האָט דער קאָילנער, ווי אן אומרו פארבראכט אפן שפּאַציר אין פּאָליש — ווי שוין זיין שטייגער — דער קאפעלישל פאַרפאָרן אף הינטן, די מויל אָפן, די הענט פאַרוואָרפן און אין עפּעס שטאַרק פארטראַכט, שטאַרק פאַרטאָן.

אין תורה האָט זיך גראָד דער קאָילנער ווייניק וואָס אויסגעצייכנט — א מיטלמעסיקער לערנער, א בחור פון א גאַנץ יאָר.

און וואָס איז געווען פאַרטראַכט דער קאָילנער, אין וועלכע עולמות האָט ער תמיד געשוועבט, וועלכע וועלטן האָט ער אַזוי שטיל געבויט און חרוב געמאַכט?

דער קאָילנער איז געווען פאַרנומען מיט פאַרשיידענע אריפמעטישע חשבונות און אויפגאַבעס אין דער גמרא (אין „עירובין“, „זרעים“, די „ערוגה“). דאָ האָט ער זיך געפּילט, ווי א פיש אין

איינענעם היימישן וואסער: געחשבונט, איבערגערעכנט, געמאָסטן, געציילט און תמיד עפּעס צוגעקלערט, מחדש געווען. אלע ווילע האָט דער קאָילנער פאַרענטפערט אן אופגאַבע און ציגעקלערט א נייעם חשבון.

און וואָלט דער קאָילנער געבליבן נאָר בא זיינע גמרא־חשבונות, וואָלט ער מסתמא כל־ימיו אָפּגעלעבט אין דער ישיבה, ווי א געוויינטלעכער בשר ודם — קיינער וואָלט אים ניט באַמערקט, זיינע חשבונות איז אופגאבן וואָלטן געווען חדושים פאַר ישיבה־לייט מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן און א ביסל „בטלען" בין־מנחה־למעריב.

האָט, אָבער, פּאַסירט א מעשה, וואָס האָט ארויסגעפירט דעם קאָילנער אף גאָטס שיין, ווייט. נאָר ווייט מחוץ די פיר ווענט פון דער ישיבה.

דער קאָילנער האָט צופעליק זיך אויסגעלערנט שפילן שאך. שאך איז אין דער ישיבה אָפיציעל ניט געווען פאַרווערט. פלעגן טאָקע ישיבה־לייט אין פרייע מינוטן כאַפּן א שפּיל־טאָן שאך, געווען וואוילע שפּילערס, גאָר שאַרפע שפּילערס, מאַעסטראָס, וועלכע האָבן אף דעם מער ניט געקיקט, ווי אף א צייט־פאַר־טרייב — ווען דער מוח איז איבערלאָדן און איינגעמאַטערט פון תורה, רוט מען זיך אמאָל אפּ און מען צעשטרייט זיך, מען מאכט זיך א ביסל נאַריש — מער גאָרנישט! באַם קאָילנער, אָבער, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג אויסגעלערנט שפילן שאך, איז אָט דער שפּיל געוואָרן א מין יצר־הרע, א מין שיכרות פון וועלכן ער האָט זיך פון דער ערשטער מינוט ניט געקאָנט אָפּרייסן. וואו נאָר א פרייע מינוט — שאך. געכאַפּט אימיצן — שאך. און וואו נאָר א פרייע קאָפּיקע — געקויפט א שאך־ביכל.

דעם קאָילנערס סטאַנציע איז מיט דער צייט פאַרפאַקט

געוואָרן מיט אט דעם מין ליטעראַטור, ווער עס האָט נאָר גע־קענט שפּילן שאַך, איז געלאָפן צום קאָילנער — דעם קאָילנערס סטאַנציע איז געוואָרן אן אמתער שאַך־קלוב.

דער קאָילנער איז, אָבער, געווען א פיינער מוסרניק און פאַרן אלטן גרויס אָפּשיי געהאַט — קענען דעם איז אפילו פאַר־ראַן אן עצה: מען דאַרף עס מאַכן אַזוי, אַז דער אלטער זאָל עס ניט מערקן. מען דאַרף וויניקער פאַרברייננגען אפן סטאַנ־ציע און מערער זיין אין ישיבה, שפּאַצירן אין פּאָליש און בלע־טערן אין מוח שאַך־רעטענישן, שאַך־חדושים און צוטראַכטן, אויס־קאָמבינירן איינגענע אופנאַבעס.

אָבער ער הויבט די לעצטע צייט גאָרניט אָן צולערנען. שאַך איז בא אים געוואָרן אן עבודה־זרה, רחמנא ליצלן, און דער קאָילנער ווייס. אַז „יסוד החסידות" — דער יסוד פון פרומקייט און דער הויפּט־געדאַנק פון דאָס פולקומע גאָט־דינען איז, אז עס זאָל קלאָר ווערן באם מענטשן, וואָס עס איז זיין חוב אף דער וועלט און, אז גאָטספּאַרטיכקייט איז דער גרעסטער תענוג אף דער וועלט, וואָס איז נאָר בנמצא".

אויב עס איז שווער צו גיין מיטן גלייכן וועג, איז מיטן קרומען דאָך א פשיטא! ער איז דאָך אראָפּ פון גלייכן וועג. ער בלאָנדזשעט. ער האָט פאַרוואָרפן מוסר. און לערנט ער אביסל, גלוסט זיך אים ניט נאָך, אָט אַזוי ווי שאַך, און מוסר, אז מען לערנט און עס גלוסט זיך ניט נאָך, איז דאָך א סימן, אַז מען האָט גאָרניט געלערנט!..

הכל בידי שמים — אפילו וויפיל שטרוי דער פויער זאָל פּאַקן אין וואָגן, הייַנט וואָס איז שייך שפּילן שאַך!! אזא גאַנג, אָדער אזא גאַנג, אַז הכל בידי שמים!..

און צוריקקריידנדיק, וואָס טוט ער אַזוינס? ער שפּילט שאַך.

שאך איז דאָך קיין עבירה ניט. צו פּרומקייט שטערט עס ניט — מה הרעש? יעדער מענטש איז אליין די קשיא און אליין דער תירוץ!.. אָבער זאָל זיין, אז די קשיא איז קיין קשיא ניט, אָבער וויבאלד איך פרעג, איז עס דאָך שוין א קשיא!..

איובס יסורים האָבן געמאַטערט דעם קאָילנער. צווי שונאים האָבן אומרחמנותדיק געשטריטן אף טויט און אף לעבן, און מנצח געווען האָט די „סטרא אחרא", די עבודה־זרה — שאך.

און א חרטה האָט געגריזשעט דעם קאָילנער. ער פארשפּילט זיין וועלט. און „אם פגע בך מנוול זה" — אויב דו באגעגנסט דעם מנוולדיקן יצר־הרע, איז שלעפּ אים אריבער אין בית־המדרש. פאַר יעדער תאוה זיין בית־המדרש: צו תאוה — תורת התאוה. פלעגט דער קאָילנער וויינען, קלאָגן באַם „מסילת ישרים": „התאוה... מוציאין את האדם מן העולם", ער האָט פארשפּילט זיין וועלט, צוליב וואָס? — צוליב א ביסל תאוה, צוליב א נארישער שפּיל!

און אף מאָרגן פלעגט ווידער זיך שטאַרקן דער יצר הרע, און ווידער אים אָ צי טאָן צום שאך־ברעט.

דער קאָילנער האָט שוין געשפּילט א סעאַנס אין שטאָטישן שאך־קלוב, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די באַרימטסטע שאך־שפּילער. צווישן זיי—וועלט־מאַעסטראָס, און זיי האָט ער אלעמען באזיגט. אלעמען. ער גייט פון נצחון צו נצחון. זיין נאָמען הויבט זיך אָן צו באווייזן אין די אָנגעזעענסטע צייטונגען. זיינע אופגאבעס אין אָט די צייטונגען רופן ארויס אלעמענס באוואונדערונג און ווערן מיט גרויס התמדה פון שאכליבהאָבער שטודירט. דער קאָילנער ווערט א שם־דבר אין דער גרויסער שאך־וועלט.

דער קאָילנער גיט זיך אָפּ אלץ מער זיין נייער עבודה־זרה. מוסר וועבט זיך בּיסלעכווייז אויס בּאַ אים אין מוח, און מיט איינס איז ער איננאנצן פארנומען — מיט די 64 קעסטע־

לעך פון שאַך־ברעט — די דאָזיקע שוואַרץ־ווייסע וועלט נעמט ער אַלץ מער איין. ער ווערט אַ וועלט־מייסטער.

אָבער אין ישיבה איז פאַראַן אַן אויג, וואָס גיט אַכטונג. דער אַלטער ווערט געוואר פון דער גאַנצער מעשה. דער אַלטער דערוויסט זיך, אַז שאַך איז באַם קאַילנער נישט קיין תפל, נאָר אַן עיקר, אַ תאווה, רחמנא ליצלן, און זיין גאַנצן איבער־מענטשלעכן כוח גיט אָפּ דער אַלטער דעם קאַילנער. און אַז דער אַלטער וויל, קען ער. פעלן קען ער, דער אַלטער, מיט זיין קוק לע־כערן. דעספעם קען דער אַלטער ארויסהויבן מיט די וואָרצלען.

דער אַלטער נעמט אַריבער דעם קאַילנער צו זיך. באַם אַלטן עסט ער, באַם אַלטן שלאָפט ער. דער קאַילנער איז געבראָכן. ער זאָגט צו צום שאַך־ברעט מער נישט זיך צוצור־רירן. אָט ווי די דייטשע סאָלדאַטן האָבן זיך בעת דער וועלט־מלחמה געלאָזן פון זייערע גענעראַלן צושמידן צו קאַנאָנען, כדי זיי זאָלן קענען בייסטיין דעם נסיון און אין דער גרעסטער סכנה נישט פאַרלאָזן די שלאַכט־פעלד, אָט אַזוי לאָזט זיך דער קאַילנער צושמידן צום שטענדער. צום „חובת הלבבות“, כדי ביישצושטיין די עבודה־זרה פון שאַך.

לאַנגע וואָכן האָט דער קאַילנער זיך נישט אָפּגעריירט פון שטענדער. נאָר איינמאָל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און זיך ווי־דער געכאַפּט צו זיין עבודה זרה — ער איז אַוועק אין שטאָט, אין שאַך־קלוב, און ער שפּאַצירט ווידער אין פּאָליש פון דער ישיבה פאַרחושט, קאָמבינירט און פּאָ׳פלאָנטערט זיך ווייטער.

און די לעצטע עצה האָט געפּרוווט דער אַלטער.

דער אַלטער האָט באַשלאָסן חתונה צו מאַכן דעם קאַיל־נער. אַליין אים חתונה מאַכן.

— פאַרוואָס ניט? — האָט דערקלערט דער אַלטער — בּאַ אדם און חוה שטייט: „ויעש ה׳ לאדם ולאשתו כתנות", — כביכול אַליין האָט גענייט פאַר אדם און חוה העמדער, איז ז׳עס רבונו של עולם פאַסט אַזאַ אַרבּעט. און מיר ניט? האָט דער אַלטער אַליין געזוכט און געפונען די בּאַשערטע פאַרן קאָילנער. אים חתונה געמאַכט מיט אַ שיינער פרומער אידישער טאָכטער און אים בּאַזעצט אַף אַן אָנגעזעענעם כסא-הרבנות. דער קאָילנער האָט חתונה געהאַט און איז געוואָרן אַ רב. אצינד האָט ער געוואָרפן זיין עבודה-זרה, שאָך, אַף תמיד.

# העשקע סמילעוויצער.

אויסערליך האָט דוקא העשקע ניט געהאַט דעם אויסזעהן פון אַ צעקראָכענעם, בלייכן ישיבה בחור, ווי מען שטעלט זיך געוויינטליך פאָר דעם עלוי.

העשקע איז דוקא געווען א בחור אַ פאַרשוין, שטאַרק געבויט, אַ בליענדיקער פנים, גוטמוטיקע שווארצע אויגן, אַ קויפּ ראָב־שווארצע האָר איז געזעסן בּאַ אים אפן קאָפּ, ווי אַ קרוין.

דאָס איינציקע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין אויג, איז געווען העשקעס קוועקזילבערדיקע תנועות. עס איז בשום אופן ניט געווען מעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז העשקע זאָל קענען שטיין רואיק אַף איין אָרט. תמיד האָט ער זיך באַוועגט, ארומגעלאָפן, ווי אַ חיה אין שטייג, פון איין ווינקל אין אַנדערן. און איז ער שוין אַף אַ ווייל שטיין געבליבן בּאַם ריידן מיט אימיצן, האָט ער זיך אויך געוואָרפן אַף אַלע זייטן — עפּעס האָט אים ניט געלאָזט רוען.

עס איז שוין פאַר קייגעם קיין חדוש ניט געווען, ווען פּלוצים אינמיטן „שמונה־עשרי", ווען אין ישיבה הערשט אַ טויטע שטילקייט, זאָל זיך מיט אַמאָל דערהערן אַ „שאגת ארי" — אַ לייבּישער געבּרים:

— אָי, גוואלד, אָי, אָי, טאַראַבּאַראַבּאָם!

מען האָט שוין געוואוסט פונקטלעך ווען דער בת־קול קומט. דאָס האָט העשקע פּלוצים אינמיטן דערינען, זייענדיק איבערגע־וואלד צוגעשמידט צו איין אָרט צוליב שמונה־עשרי, אויסגעלאָזן זיין הארץ.

ער איז געווען מלא וגדוש אין תורה, העשקע, און ער האָט זיך געמוזט אויסלאָדן דורך ווילדע אויסגעשרייען און גיכע באַוועגונגען.

אָט ווי פּירות שטאַרק איבערצייטיקטע, ברעכן זיך פון שווערער משא פון די צווייגן, אָט ווי שאַרפע ווינען, וואָס שפּאַרן פון אַלטקייט איבער די בּרעגעס — עס פּלאַצן די כלים און זיי רייסן זיך: מיט כוח און גבורה, אָט אַזוי האָט העשקע זיך געמוזט באַפרייען פון גייסטיקער שפע — פון די חדושים און געדאַנקען, וואָס זיינען אַלע ווילע צייטיק געוואָרן בּאַ אים אין מוח.

מיט אימפּעטיקער גיכקייט און מוראדיקן דרוק פון וואַסער־פאַלן, וואָס שטראָמען פון די הויכן, אָט אַזוי שפּאַרן גיך און שטאַרק די געדאַנקען בּאַ העשקע.

העשקעס בקיאות און חריפות איז לא יאומן כי יסופר — ממש לעגענדאַר.

ווייסט איר וואָס, — פּירט צו העשקען צום גרויסן אַלטער ספרים, וואָס אין מערב, און וואו איר זאָלט נאָר אופמישן דעם רמב״ם, נעמט אייך אָן העשקע צופרעגן הונדערט קשיות און תיכף מיד ענטפערן הונדערט תירוצים. און ווייסט איר גאָר וואָס — העשקע נעמט זיך אָן אייך צו זאָגן אין גאַנצן ש״ס — רופט אים נאָר אָן דעם עמוד פון דער גמרא — מיט וועלכן אות דער עמוד הויבט זיך אָן רעכטס, און וועלכער לעצטער אות אין דעם דאָזיקן עמוד עס איז לינקס. אין דער לעצטער שורה, וועל־

כער אות עס געפינט זיך אינמיטן, אין סאמע רעכטן מיטן, ווי-פיל תוספותן און הגהות דער עמוד פארמאגט.

אָדער איר קענט מאכן אנדערש: מאַלט אויס העשקען ווי דער עמוד איז געשניטן (דער טעקסט פון יערן עמוד אין ש״ס האט אן אנדער פאָרם), וועט ער אייך זאָגן אין וועלכער גמרא רער עמוד געפינט זיך און דעם דף.

און קענט איר ניט לערנען, קען ער אייך ווייזן אזא קונץ: פירט אים צו צו א גרויסן מויער, וועט ער גיך א וואָרף טאָן מיטן אויג און אייך זאָגן וויפיל ציגל דאָרט געפינט זיך... .

און איז העשקע אין א גוטער שטימונג, קלייבט ער צונויף ארום זיך א רעדל ישיבה-לייט און ווייזט אויף פון „שנים אוחזין בטלית", אז בכורים דארפן פאסטן ערב פסח...

אָדער, אז הלל, וואָס זאגן אים ווערט געזאָגט אין דער אגדה ק׳ „כן עשה הלל" איז דאָס דער אייגענער הלל, וואָס זאָגט, אז „ביצה שנולדה ביום טוב לא תאכל," און דאָס איז א מין לשיטתו...

אָט האָט פאסירט אזא מעשה אין ישיבה:

דער ראש הישיבה זאָגט א שיעור, פארווילט זיך העשקען שטעלן א קלאָץ-קשיא. דער ראש הישיבה פארטראכט זיך א ביסל, מויל און אויערן זיינען אָפן. עס געדויערט א היבשע ווײַלע. דער ראש הישיבה פרואווט די קשיה פארענטפערן, אָבער מיני-ובי ווענדט אים העשקע אָפּ. דער ראש הישיבה פארטראכט זיך ווידער. עס געדויערט א פיינלעכע ווײַלע, און ניטאָ קיין תירוץ. אלע זיינען פארטראכט, און דער ראש הישיבה ענטפערט:

— עס איז א הארבע קשיה, נאָכן שיעור וועל איך ענטפערן!

און פון דעמאָלט אן ווערט א חוק ולא יעבור, אז אינמיטן

שיעור פרענט מען קיין קשיות ניט — נאָכן שיעור איז עפּעס אנדערש.

העשקעס נאָמען איז גרויס. און אין פינפטן יאָר, אין דער ציים פון „אויפקלערן די מאַסן,“ הויבט זיך אָן אין ישיבה צו באַווייזן אומבאַקאַנטע יונגעליים, וועלכע טענהנען אין מיט העשקען. מען דערוויסט זיך, אַז בונדיסטישע אינטעליגענטן אין שטאָט האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיטן עלוי און טענהען עפּעס אין מיט אים.

די השכלה־פאַרשפּרייטער ווילן שיקן העשקען קיין אויסלאַנד שטודירן. סוף כל סוף פועלן זיי עס בא אים. אָבער דער אלטער האַלט אָן אויג און נעמט אים אָפּ אריבער צו זיך אינ־דערהיים. דער אַלטער דערשלאָגט זיך, אַז העשקע בלייבט אין דער ישיבה. מען ווייס נאָר, אַז צו העשקען אין סטאַנציע האָט מען אריבערגעפירט נייע קישנס מיט אַ קאָלדרע. צו פרישטיק באַקומט ער פילו קאַקאַאָ, און צו מיטיק — אַ גאַנצן האַלבן פונט פלייש.

—פאַראַן אַזוינע צייטן — דערקלערט דער אַלטער זיינע נאָענטע — ווען עס זעצט זיך צו שטאַרק דער יצר הרע, דאַרף מען אים עפּעס צואוויאַרפן, כדי ער זאָל ניט וועלן איינ־גאַנצן...

העשקע איז געבליבן אין ישיבה. אָבער שוין ניט דער איינגענער, וואָס פריער. מען שמיעסט, אַז ער לייענט אפילו ביי־כער. ווענט מען באַ אים אַריין אין סטאַנציע אָן עכטן מוסרניק, ער זאָל האַלטן אַף אים אָן אויג, שמועסן מיט אים און אים פאַרשן.

אַזוי האַלט עס אָן אַ לייננערע צייט.

נאָר איינמאָל איז העשקע פּלוצים נעלם געוואָרן.

* *
*

העשקע איז איזעק קיין ווילנע לערנען השכלה.

וואו נעמט מען אָבער געלט? באַשליסט ער, ער וועט גיין צום ווילנער רב בעטן אַ פּאָר רובל.

דער ווילנער רבס שמש איז געפּאַקט מיט מענטשן. קוועטשט זיך דורך דער עלוי צווישן עולם און ווענדט זיך צום רב:

— רבי, איך בין אַ סלאַבאָדקער ישיבה=בחור און דאַרף האָבן עטלעכע רובל אויף הוצאות.

דער רבי קוקט אים אָן:

— אַ סלאַבאָדקער ישיבה-בחור, אַ גלוח?

— אַ גלוח, זאָגט איר, טאָ איז וואָס? אָבער תורה קען איך מער פאַרן ווילנער רב!

— אַ חוצפה, אַ חלול השם! — איז דער עולם אויפ=געדרעקט.

— אַ חוצפה, זאָגט איר, טאָ זאָל מיר דער ווילנער רב פאַרהערן, און העשקע הויבט אָן ניט געבעטענערהייט צו זאָגן תורה.

דער ווילנער רב שאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, אידן, תורה קען ער מער פאַרן ווילנער רב!...

און פון דעמאָלט אָן קריגט העשקע יעדן חודש אַ שטיקל חלוקה. עס קלעקט אים אָבער ניט, גיט ער „אוראָקן". ער האָט זיך אויסגעלערנט שפּראַכן. ער שרייבט אפילו אַ בוך. מוזיקער האָבן נאָר אַנטדעקט אין אים אַ זעלטענע טענאָר=שטימע. ער האָט אָבער קיין צייט ניט. ער איז יונג. ער האָט אַזוי פיל פאַרלאָרן אין דער סלאַבאָדקער ישיבה: דאָס לעבן רופט:

— חטוף ואכול! כאַפּ אַריין, כאַפּ אַריין וואָס גיכער!

און העשקע כאַפּט אַריין. ער לאָדט אויס אַלע קשיות, אַלע

חידושים אין קאָפּ. ער לאָדט אוים אלע שטורעמס אין מוח אין זנות און אין שכרות. ער זינקט וואָס פון טאָג.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

נאָר איינמאָל, ווען אין סלאָבאָדקער ישיבה איז מען געשטאַנען שטיל־פרום „שמונה־עשרי,“ האָט זין פלוצים דערהערט א ווײַנענדיקער „שאגת ארי“ — א קלאָגעוודיקער ליבן־געברום:

— אי, גוואלד, אי אי, טאראבאראבאם!

דער בת־קול איז אלעמען געווען גאָר קענטלעך.

נאָר וואָס איז דער געברום היינטיקס מאָל אזוי קלאָגעודיק און יאָמערדיק?

נאָכדעם איז עס אלעמען קלאָר געוואָרן. העשקע איז געוואָרן א בעל־תשובה.

# ר' חנן דער פרוש.

בחורווייז האָט ר' חנן געלערנט אין דער סלאָבאָדקער ישיבה. תיכף נאָך דער חתונה האָט ער זיך דאָ ווידער באַזעצט און איז שוין דאָ כל ימיו געבליבן זיצן על התורה ועל העבודה.

געווען איז ער אַ קורצער, אַ הויקערדיקער. אַ גוטסקייט האָט זיך געגאָסן איבער זיין פנים און זיך געשפיגלט אין זיינע לאַכעדיקע, בלאָע אויגן. אַ באַזונדער חן האָט אים צוגעגעבן זיין לאַנגער, ווילדער, העלער באָרד.

חתונה געהאַט האָט ר' חנן זייער רייך. ער האָט געקראָגן אַ סך נדן מיט אַ גרויסן געשעפט. האָט ער די ווייב איבערגע-לאָזט אין געשעפט, און אַליין מיט גרויס רחבות זיך באַזעצט אין סלאָבאָדקע.

אַ מאָדנער רך־לב איז געווען אָט דער ר' חנן. ער האָט תמיד נאָר געטראַכט וועגן יענעם.

און אַז גאָט האָט אים געהאָלפן, ער איז געוואָרן אַ גביר־עצום, האָט ער געוואָלט אָניאָגן מיט זיין צדקה דאָס, וואָס ער האָט פאַרפעלט בחורווייז.

וואו נאָר אַן אָרעמער ישיבה־בחור (און אַזוינע זיינען דאָך געווען כמעט אַלע), האָט ער געזוכט אים צו העלפן. איינעם האָט ער געגעבן כלומרשט אַ גמילות חסד—אַ דרייערל, אַ צווייטן

— אַ פינפערל. האָט אַן אָרעמער וואויל־לערנער פּאַרזעצט זײַן כּנר אין גמ״ח, ווינטער איז געקומען, און יענער האָט געבעך געפּראָרן, האָט ר׳ חנן אויסגעלייזט זײַן כּנר און עס אַוועקגע־געבן זײַן בעל־הבית.

— נישקשה. איך אַנטלײַ אײַך, דער אויבערשטער וועט אײַך העלפן, וועט איר מיר אָװעקגעבן.

איז אַ ישיבה־מאַן קראַנק געװאָרן, די הוצאות האָבן זיך בטילא פאַרגרעסערט, איז אים געקומען צו הילף ר׳ חנן. איז אַ ישיבה־מאַן געפּאָרן װערן אַ חתן — האָט אים אויסגעריכט אין וועג מיט קליידער און הוצאות ר׳ חנן.

געגעבן האָט ער אַלעמען בּשם הלואה, אָבער קיינמאָל האָט ער דעם חוב נים אָפּגענומען. האָט גאָט געהאָלפן זײַן לווה און יענער האָט אים געוואָלט אָפּגעבן, האָט זיך ר׳ חנן געעקשנט:

—נישקשה, איך נויטיק זיך נים אין די פּאָר רובל. האַלט נאָך אַביסל צו דאָס געלט בײַ זיך, נאָך אײַער „פּריזיווו״, נאָך אײַער חתונה, וועל איך עס בײַ אײַך אָפּנעמען.

נאָר באַזונדערש אײַנגעשפּאַרטע לווים פלעגן פועלן בײַ אים, ער זאָל בײַ זײ דעם חוב אָפּנעמען. און אָפּגענומען דעם חוב, פלעגט ער שוין דערפון קיין תכליתים נים מאַכן. ער האָט דאָס געלט „אַנטליען״ אַ צווייטן.

געזעסן איז ער תמיד יום ולילה און געלערנט, און אין דער פרייער צײַט פון לערנען, פלעגט ער מאַן גמילת חסדים.

ערב שבת איז געווען דער בעסטער טאָג אין וואָך בײַ ר׳ חננען, ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און אײַנמאָל פאַר אַלעמאָל אויפגעוויזן, אַז די מצוה פון אָפּראַמען און אויסקערן די ישיבה־גאָס לכבוד שבת, געהערט אים, נים דעם שמש. עס האָבן נים געהאָלפן אַלע טענות ומענות, ער איז געבליבן בײַ דאָס זײַניקע.

אי, וואָס דער שמש—דער שמש איז דאָך אויך אַ איד,—וועט ער בײַ אים די מצוה אָפּקויפן. ער איז אַ גביר, און יענער אַן אָרעמאַן, וועט ער אים באַצאָלן, און די חזקה אויסצופּוצן לכבוד שבת די גאַס דאַרף געהערן אים.

פלעגט ער יעדן פרײַטיק אָפּטאָן מיט גרויס שמחה זײַן שטיקל אַרבעט. דערמאָלט אָנצינדן זײַן זילבערנע מנורה אַף זיבן רערן און זיך מכין זײַן צו שבת.

ערשט נאָכן דאַווענען האָט זיך אָנגעהויבן זײַן אמתע אַרבעט. ער פלעגט אַרומגיין פון קלויז צו קלויז און הויז זײַנע געוויסע קאַסטאַניקעס — ישיבה בחורים, פלעגט ער צונויפנעמען אָרעמע־לײַט, אורחים, צו זיך אויף שבת.

און איז דער אורח געקומען צו ר׳ חננען אַף שבת, פלעגט אויסקומען, אַז ר׳ חנן איז דער פרעמדער, און דער אורח איז דער בעל־הבית. ער פלעגט אַרומלויפן פון אײנעם צום צווייטן, דעם העלפן אויסטאָן דעם אויבער־בגד. דעם אונטערטראָגן אַ בײַנקל, דעם — אַביסל וואַסער, און זײַן איבערגליקלעך, וואָס גאָט האָט אים באַגליקט און ער קען משמש זײַן אַ תלמיד־חכם

געענדיקט זיך דער שבת, פלעגט ר׳ חנן אַרויסבאַגלייטן זײַנע אורחים מיט עטלעכע רובל אין וועג אַרײַן.

אָרעמעלײַט אין יענע מקומות האָבן זיך גיך דערוואוסט פון דעם נרויסן מכניס אורח — דעם פרוש ר׳ חנן, און אורחים האָבן גענומען שטראָמען אין שטעטל פון אַלע עקן און קאַנטן.

ר׳ חננס שטוב און טיש האָבן שוין ניט געקענט באַפרײַ־דיקן אַלעמען, פלעגט ר׳ חנן אַ טייל פון זיי אַריבערשיקן צו זיך, און די איבעריקע אַרומפירן מבית לבית און זיי באַשטעלן בײַ בעלי־הבתים אַף שבת.

אײנמאָל אין ווינטער, פרײַטיק צו נאַכט, עס איז שוין

שפעט, דער עולם בא חנן אין שטוב ווארט, און דער באלעפאס איז ניטא.

לאזט זיך אויס, אז דעם פרייטיק האט גאט צוגעשיקט ר' חננען אזויפיל אָרימעלייט, אז ער האט שוין מיט זיי אויסגעמאסטן גאנץ שטעטל, און אלעמען נאך ניט באשטאט אף שבת. שפעט האט זיך ר' חנן אראפגעלאזט א פארשוויצטער, א פארהארע־וועטער, אבער איבערגליקלעך, וואס גאט האט אים מזכה געווען מיט אזוי פיל אורחים אף שבת.

פרייטיק און שבת האט זיין שטוב אויסגעזען ווי א קרעטש־מע. ווער עס האט ניט געהאט וואו צו נעכטיקן, האט אים שוין ר' חנן ניט אפגעלאזט. מען איז געשלאפן אפן דיל, אפן טיש, אפן באנק — אבי אן אָרימאן האט וואו דעם קאפ אנצושפארן.

און אז די שטוב איז פול, און ר' חנן אליין האט ניט וואו צושלאפן, איז מה הרעש ?

איז עס שטארק קאלט, ציט ר' חנן אראפ פון זיך זיין אויבער־בגד און דעקט צו אן אלטן אורח.

— יענע זיינען אלע נעבעך א גאנצע וואך נע־ונד, האבן שוין לאנג זייערע ביינער ניט אויסגערוט, און איך רו א גאנצע וואך — נישקשה, יענע זיינען בילכער !

ווינאלד אזוי, איז קיין געוואלד ניט. קען זיך ר' חנן פארגינען די פרייטיקדיקע און שבתדיקע נאכט דורכצוזיצן און לערנען.

און א גוואלטיקער עניו איז ער געווען. ר' חנן, און תמיד מורא געהאט אימיצן פוגע בכבוד צו זיין.

איינמאל, האט ר' חנן, כטבע א גרויסער חלוש, געזאגט א „חזוק" פאר א כתה. ער האט געזאגט און עס האט זיך געפילט, אז ער איז עפעס ניט מיט אלעמען. עפעס קוקט ער

אַלע ווײַלע צום פֿענצטער, אָבער קײנער פֿאַרשטײט אים ניט.

ערשט שפּעטער האָט זיך אײנער געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פֿאָר: מחמת עס איז געווען וואַרעם אין חדר, האָט אימיצער געעפֿנט אַ פֿענצטערל. ר' חנן האָט מורא געהאַט, ער זאָל זיך ניט פֿאַרקילן. אַלײן פֿאַרמאַכן די פֿאָרטקע, איז די סכנה נאָך גרעסער. שיקן אימיצן פֿון די ישיבה־לײַט צומאַכן דעם פֿענצטערל, האָט ר' חנן געהאַלטן, אַז דער קלענסטער ישיבה־בחור איז גרעסער פֿון אים, און ווי אַזוי טאָר ער זיך לאָזן באַדינען מיט אַ תּלמיד־חכם!

ביז מען האָט זיך געכאַפּט און מען האָט פֿאַרמאַכט דעם פֿענצטערל.

* * *

יאָרן זײַנען געלאָפֿן. ר' חננס תּשוקה צו צדקה איז געוואַקסן. זײַנע קאַפּיטאַלן האָבן זיך גענומען אויסלײדיקן, און אין יאָרן אַרום האָט זיך זײַן עשירות אויסגעשעפּט. ר' חנן איז געוואָרן אַן אָרימאַן ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. פֿונדעסטוועגן האָט ר' חנן זיך ניט אונטערגעגעבן.

די לעצטע צײַט פֿלעגט ער אין די נעכט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

אַלע האָבן אים געקענט. זײַן נאָמען איז נאָך געווען גרויס פֿון די גוטע, זאַטע יאָרן. האָט מען זיך גיך דערוואוסט, אַז ר' חנן קלײַבט זיך בײַנאַכט אַריבער אין שטעטלדיקן „הקדש" און שלאָפֿט דאָרטן בײַנאַכט צוזאַמען מיט אַלע אָרימעלײַט.

— סטײַטש, פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס לאָזט איר עפּעס אײַער אײגענעם נאַכטלעגער און קלײַבט זיך אַריבער אין „הקדש", וועלכער איז די לעצטע יאָרן אַזוי אָפּגעלאָזן, אַזוי חרוב?

— אָט־אָט, דאָס וויל איך טאַקע — האָט זיך ר' חנן אָנגעכאַפּט — איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט טאַקע ווײַסן

און סוף כל סוף באמערקן, אז דער „הקדש" איז די לעצטע צייט אפגעלאזט, חרוב, און מ'דארף אים צורעכט מאכן, אט דאס האב איך טאקע געוואלט!..

איין זאך איז בא ר' חננען פארבליבן פון אמאליקער עשירות: די זילבערנע מנורה, וועלכע ער פלעגט פרייטיק צו נאכט אנצינדן אף אלע זיבן רערן און לערנען די גאנצע נאכט אונטער אירע פולע פלאמען.

האט פאסירט אזא מעשה: אין יענע יארן האט זיך בא אידן געשטארקט דער „חיבת ציון". ר' חנן האט זיך אנגעכאפט אן ארץ ישראל. קיין געלט האט ער שוין ניט געהאט, איז ער אוועקגעלאפן מיט איין אטעם אין שטאט און פארקויפט זיין זיל-בערנע מנורה מיט די זיבן רערן, און פאר דעם געלט געקויפט שקלים. אן אפגעריסענער, א באָרוועסער איז ער געלאפן איבער די שטעטלדיקע געסלעך מיט א הויפן שקלים אין האנט און געשריען:

„והחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים!"

לאנג האט אבער זיין תשוקה צום ציוניזם ניט אנגעהאלטן. ער האט חרטה געהאט אפן עסק: די ציוניסטן גלויבן ניט אין משיחן. זיי ווילן אים פארלויפן די וועג.

האט פאסירט אזא פאל:

אין שטאט איז געקומען דער גרינדער פון „מזרחי", הרב ר' יעקב יצחק ראינעס. ער האט אין דער גרויסער שול געהאלטן א דרשה וועגן ציוניזם. פון אלע שטעט און שטעטלעך איז מען זיך צונויפגעפארן הערן דעם גאון און פירער.

די גרויסע שול איז געווען נעפאקט איבער די ברעגעס. צווישן געדיכטן קנויל מענטשן האט מיט די לעצטע כחות גע-נומען זיך שפארן א קליין מענטשל. אט אזוי ווי אן עקבער

האָט ער מיט זײַן קלײן גופל געבויערט אין געדיכטן המון אלץ טיפער און טיפער — און ווײַטער — און אָט האָט דער קלײן גופל זיך ארופגעכאפט מיט די לעצטע כחות אף דער בימה און מיט אײן שפרונג זיך אָפגעשטעלט באַם רעדנער, אים געכאפּט פארן לאַץ און אַ געשריי געטאָן מיט אַלע כחות:

— וואוהין פארפירסטו דעם אידישן עולם? נעוואלד, וואוהין?

דער קלײנער גופל איז געווען ניט קײן אנדערער ווי ר' חנן...

דער המון־עם האָט זיך אָף אים געוואָרפן, גרייט אים דורס צו זײַן.

האָט ר' יעקב יצחק ראַינעס זיך ניט פאַרלאָרן, גיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטענדער און אויסגערופן:

— משפּעט אים ניט, רבותי, ער האָט אונז געוויזן, ווי מען דאַרף גלויבן. אָט אַזוי, אידן, דאַרף מען גלויבן. אָט אַזוי אידן דאַרפן מיר גלויבן אין ארץ ישראל!..

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

יאָרן גייען. און נאָך איצט, ווען איר קומט קײן סלאָבאָדקע, געפינט איר דאָרטן דעם פרוש ר' חנן, וועלכער שטייט אָף דער וואַך, ווי אַ געטרייער זעלנער צו באַשיצן די געצעלטן פון שם פון יעדער סכנה און פורעניות.

---

# שמחה...

א קילעבריקן יאָר האָט די ישיבה ניט געהאַוסט דעם טעם פון שמחה.

טאָג איין טאָג אויס האָבן בחורים פאַרבראַכט אין די אוי־סעטיקע פיר ווענט פון ישיבה און זיך געהייקט אין צערפולן מוסר.

ווי א שווערע משא האָט געדריקט: וואָס איז דעם מענטשנס חוב אף דער וועלט, וואָס איז דער זין און תכלית פון מענטשנס לעבן.

פון דער שטעטל אליין האָט געטראָגן מיט עצבות און צער, און ווי געלערנט:

מיטן פנים צום וואַנט, אין נזירות ליגט דער גליק פון מענטשן.

באַזונדערש פלעגט אן אימה און פחד אַרומכאַפּן שטעטל אין די טעג פון אלול.

ווי א מחנה צעשראָקענע קינדער שטויסן זיך די הייזלעך איינע אף די אנדערע און טוליענען זיך אין די שויסן פון זייערע מאַמעס, די עלנטע נעסלעך — ענינות. צעפליקטע יריעות הימל שווימען איבערן שטעטל און הילן אלץ אין טרויער־טיכער.

העכער פאַר אלע הייזער קוקט אַרוים, ווי אן אלטע גוטע

באַבע, די ישיבה, און אין אַ שטומער תפילה שפּרייט זי אירע לאַנגע מאָגערע הענט איבער די קליינס הייזלעך, כדי זיי צו באַשיצן פון אַלע שלעכטע גערעכענישן.

אין שטעטל גרייט מען זיך צום יום־הדין.

אומעטום לאָקערט דער שטן. די תפילות ציען ווי שווערע שטיינער צום אָפּגרונט. מען דאַרף זיי מעלה זיין און געפינען די ריכטיקע וועג אויבן.

אַ וועלט האַלט באַם אונטערגיין. מענטשן ראַנגלען זיך, ווילן זיך ראַטעווען, זוכן אַן אָנטרינונג, און ניטאָ קיין אויסוועג.

פון אַלע עקן און קאַנטן איז מען אַהער עולה רגל מחנות־ווייז, ווי מען וואָלט זיך אָפּגערופן אויף דעם ווײ־געשריי און מען לויפט העלפן ראַטעווען.

ציען אַהער פּרושים, בטלנים, רבנים, וואוילע אידן, זקנים און אינגלעך — אַהער, בשותפות שרייען, וויינען — אפשר קען מען נאָך העלפן!

אין ישיבה ווערט אײנג, באַזונדערש נאָענט צו יום־כפור, ווען מען דאַרף מאַכן פלענער אויף אַ גאַנץ יאָר. וואָרעם, אויב ראש השנה איז אַן אויסגעזאָגטער רעצעפּט, איז דאָך יום־כפור אַן אָפענער רעצעפּט... ווערט פאַר יום־כפור צו אײנג אין ישיבה, נעמט מען צו די דערבײאיקע שטיבל, די שאלקע, די בתי־מדרשים. איצט לערנט מען שוין מוסר גאַנצע טעג און נעכט: מען רעדט מער ניט. מען פאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק און עשרת־ימי־תשובה. און נאָך מער פּײניקט מען זיך אין די איבעריקע טעג, ווען מען עסט. וואָרעם עס איז דאָך שווערער צו עסן ערב יום־כפור לשמה, ווי פאַסטן יום־כפור... אין שטיבל שלאָגט מען אײנע די אַנדערע מלקות און מען איז זיך מתודה אײנע פאַר די אַנ־

דערע, די עכטע מוסרניקעס זאָגן אצינד אלע טאָג א „משכיל״ און וואָס אפטער — „חווקים״.

עס גייט דער יום־הדין. מען דארף פארגרעסערן די יראה און פארקלענערן דעם נסיון, מען משפט די וועלט. אלץ גייט פון וואָג־שאָל און א קליין שטויבעלע קען מכריע זיין.

מען דארף פארטיליקן די זינד. סתם פרומקייט פארדעקט מער ניט די חטאים, מוסר ראסט אוים. איצט איז די צייט, וואָרעם א גאַנץ יאָר דארף זיין אלול, און אלול איז דאָך אלול!..

* * *

נאָר אָט האָבן זיך די ימים־נוראים געענדיקט. עס קומען די יום־טובדיקע טעג סוכות און נאָכדעם דער פרייליכער שמחת־תורה, איין מעת־לעת אין יאָר, ווען אין ישיבה גיסט זיך אריין פרייד. א טאָג, ווען די גאַנצע אָרדענונג ווערט איבערגעאנדערשט.

שמחת־תורה קלייבט מען אפילו א נייעם ראש־ישיבה. א ראש־ישיבה ניט קיין באשטימטן פון אויבן, נאָר א פריי־געקלי־בענעם פון אייגענע. יעדן יאָר אן אנדערן. דער ראש־הישיבה איז געוויינלעך א בחור א גרויסער למדן, אָבער נאָך א גרעסע־רער לץ.

אין דעם טאָג הערט מען אין סלאָבאָדקע אויף צו גריבי־לען זיך אין זיך, און פארשטיקטע שמחה, וואָס איז געצאמט גע־וואָרן, רייסט אויף.

„דער יונגער משגיח״ באַזאָרגט שארפע משקאות, לעקעך און באָב.

דער עולם איז זיך משמח, און צום אויסדרוק קומען אלע באהאלטענע, אינדיווידועלע כחות, וואָס זיינען ביז איצט געווען געבונדן.

אין די טעג באַקומט תיקון דער פאָלקס־ריכטער קאָפּל. ער הויבט אן אף זיין שטיינער צו זאָגן „שירה״: גייסטרייכע, שארפ־

זיניקע גראַמען. ער טראַכט גאָרניט, נאָר ער פאַרמאַכט די אויגן און דער וויציקער גראַם קומט פון זיך. א קאַפּעליע אקאמפּאַ־נירט אים מיט א ניגון, און דער פאָלקס־דיכטער שיט מיט גע־גראמטע קופּלעטן מעניני דיומא, אז אלע קייקלען זיך אף דער ערד לאַכנדיק.

דער גראַם איז שטיפעריש, אקטועל, טרעפט אין פינטל און קיצלט ליכט אפילו א שוואַרצן לעבער.

נפתלי דער משכיל קאָנקורירט מיט קאַפּלען. עס גייט אוועק א שטעכעניש אין גראַמען, א פסוק איבער א פסוק, אן א ברעג, אן אַ שיעור. איינער שטייגט אריבער דעם אנדערן אין גיכקייט, שאַרפזיניקייט און לייכטקייט. ווערט דאָס איבערדריסיק, מישט מען אוף א תהילים, און ווי פריער, א פסוק איבער א פסוק, איבערזעצן עס אין גראַם ביידע דיכטער. בא קאַפּלען איז דער גראַם א וויציקער, א שטיפערישער, מעשה קונדס; ביי נפתלי דעם משכיל — צאַרט, פיין און ברענגט ארוים די דיכטערישע שיינ־קייט, דעם טעם, דעם ריח פון תהילים.

אין יענעם טאָג פלעגט אויסוואַקסן אין זיין גאַנצער גרויס דער געבענטשטער הומאָריסט־ארטיסט לייבעלע מינסקער. לייבעלע מינסקער קלייבט מען ס׳רוב פאַרן ראש־הישיבה. זיין תורה איז לצנותדיק. עס איז נאָר געווען, אז לייבעלע מינסקער זאָל זיך נע־מען נרייטן צום דרוש, א דריי טאָן מיטן פנים, מאַכן די קלענס־טע גרימאַסע, און די גאַנצע ישיבה וויגט זיך ווי אף כוואַליעס פון געלעכטער. עס לאַכן אפילו די אלטע ווייבער, די איינציקע „סופּראזשיסמיקעס" אין שטעטל, וועלכע האַלטן, אז איינמאָל א יאָר, זיינען זיי גלייכבארעכטיקט צו קומען צוגלייך מיט זייערע מענער אין קלויז, און זיינען ניט מחויב אָפּגעשפּאַרט צו ווערן אין א באַזונדערן „עזרת נשים".

עס טראָגט זיך, ווי א ווינט, אפן טיש אין טאנץ דער זעז-
מערער. זיינע פיס טראָגן זיך איבערלויפטן. זיין שלאַנקער
קערפער בויגט זיך אוים און ער דרייט זיך צוואמען, ווי א פרע-
זשינע. ער איז פול מיט איספעט און יאָגט אפן טיש ווי א בליץ,
קוים וואָס די אויג קען אים כאפן.

אלע זיינען אונטערן גלעזל, שטארק מבוסמריק. עס מישן
זיך אוים אין טאנץ — אין א „האמאלינע" און „שער"-רקודים —
עלוּיים מיט אָנהויבער, גאונישע קעפ מיט דרדקי-אינגלעך, שארפע
מוחות מיט חדר-בחורים.

דורכגעמישט שטייען סלאָבאָדקער בעלי-בתים, קאנזשאַרטניקעס,
און פאטשן צו מיט די הענט.

שמחת תורה קען מען זיך עס פארגינען!

פלוצים שטעלט זיך אוף העשקע שטילעוויצער. ער פאר-
וואַרפט זיין געדיכטן קרוין לאָקן אָן א זייט און הויבט אָן צו
אימפּראָוויזירן מיט זיין וואונדערבארער טענאָר-שטימע א ניגון, ווערט
אָפּגעהאַקט דער טאנץ, בא די רעדנער בלייבט שטעקן דער
וואָרט אין מויל, און אין א ווײַלע ארום זיינען אלע, ווי אונטערן
כישוף פון העשקעס נגינה.

טרערן פינקלען אין די אויגן, און העשקע האָט פארגעסן
אן אלץ און אלעמען, ער זינגט אָן אן אויפהער, אָן א סוף.

אז מען כאפט זיך אויף פון העשקעס געזאַנג, ווינקט שוין
דער מאָרגנשטערן דורכן פענסטער, און מען כאפט זיך, אז מען
קען שוין דאַווענען שחרית.

אַלע האָבן שמחת תורה זיך משמח געווען, אחוץ אורי
גדליה טעלזער מיט זיינע אָנהייבער, וועלכע האָבן געזען שמחה
נאָר אין עצבות, פריילעכקייט נאָר אין צער — אף ווי האָט
שמחת תורה אויך קיין שליטה נים געהאט.

* * *

איין מאָל א יאָר האָט שמחה געדוט אף ליפּן, וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געשמייכלט, אף אויגן. וועלכע האָבן קיינמאָל ניט געלאַכט.

# אינהאלט:


צוויי וועלטן . . . . . . . . . . . . 3
דער אַלטער פון סלאַבאָדקע . . . . . . . 5
דער אַלטער פון נאָוואַרעדאָק . . . . . . 21
דער לישקער עלוי . . . . . . . . . . 38
דער מונער . . . . . . . . . . . . 44
העניעך טאַמבאָווער . . . . . . . . . 49
נפתלי דער משכיל . . . . . . . . . . 54
אורי-גדליה טעלזער . . . . . . . . . 60
דער קאָילנער . . . . . . . . . . 67
העשקע סמילעוויצער . . . . . . . . . 73
ר׳ חנן דער פרוש . . . . . . . . . . 79
שמחה... . . . . . . . . . . . . . 86



Spiestuve »Splendid«, Rigā, Kungu ielā 21